STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06045

""DR. ZSHIVAGO"" FUN B. PASTERNAK

Jacob Botoshansky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

☆

„דר. זשיוואַגאָ"
פון ב. פּאַסטערנאַק

☆

Impreso en la Argentina
Copyright by
JACOB BOTOSHANSKY

JACOB BOTOSHANSKY

"EL Dr. YIVAGO" de B. Pasternac

(ensayo)

Hecho el depósito que
marca la ley 11.723

Buenos Aires, 1959.
Industria Aregntina

— 1 —

פאַרוואָס און ווי אַזוי איז דר. זשיוואַגאָ געוואָרן אַ סענסאַציע

„ד״ר זשיוואַגאָ״ איז אַ בוך, וואָס זיין נאָמען און דער נאָמען פון זיין מחבר באָריס פּאַסטערנאַק איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן. עס איז אַ בוך, וואָס איז געוואָרן אַ וועלט-סענסאַציע באַלד ווי עס איז דערשינען אין יאָר 1957 אויף איטאַליעניש אין פאַרלאַג דזשאַמדזשיאַקאָמאַ פעלטרינעלי — אין מילאַנאָ. אַ ווערק פון אַ באַרימטן רוסישן פּאָעט, וואָס לעבט אין ראַטנ-פאַרבאַנד און האָט אַן אַנטיקאָמוניסטישע טענדענץ. יעדנפאַלס איז דער העלד, וועמען דער מחבר שילדערט ווי אַ וויכטיקע פּער-זענלעכקייט, אַן אַנטיקאָמוניסט און אַנטימאַרקסיסט. און מען לאָזט דעם מחבר צורו אין רוסלאַנד. מען אַרעסטירט אים ניט און מען פאַרשיקט אים ניט. טעלעגראַמעס זענען געלאָפן צו אַלע צייטונגען אין דער וועלט נאָך איידער דאָס בוך איז דערשינען. די סאָוועטישע רעגירונג און דער מחבר אַליין האָבן אינטערווע-נירט ביים פעלטרינעלי-פאַרלאַג, אַז ער זאָל דאָס בוך ניט אַרויס-געבן. זיי האָבן געפּרוווט אָנווענדן געזעץ, פאַרבאָטן דאָס דער-שיינען פון ד״ר זשיוואַגאָ און ס׳איז ניט געגאַנגען.

— ווי אַזוי איז געקומען דערצו?

— פּשוט. נאָך סטאַלינס טויט האָבן אין רוסלאַנד עפּעס אָנגע-הויבן בלאָזן נייע ווינטן לגבי ליטעראַטור און קונסט בכלל. שריי-בער האָבן געמיינט, אַז זיי זענען שוין פריי. האָט דער דיכטער באָריס פּאַסטערנאַק, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אין גרויסן חסד

ביי דער סאָוועטישער רעגירונג, ווייל ער האָט געשריבן ניט, ווי מען האָט געהייסן, נאָר ווי ער האָט געפילט, דערלאַנגט דעם רוסישן מלוכה-פאַרלאַג זיינעם אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „ד״ר זשיוואַגאָ״ און מען האָט אים אַקצעפּטירט, כאָטש דער העלד איז אַן אַנטי-קאָמוניסט און דער קאָמוניזם קומט אין בוך ניט אַרויס אַזוי העל. און גראָד איז דעמאָלט געווען אין מאָסקווע דער איטאַליענישער פאַרלעגער דזש. פעלטרינעלי און ער האָט באַקומען די רעכט אַרויסצוגעבן דאָס בוך אין איטאַליעניש און ער האָט באַקומען אַ קאָפּיע פון מאַנוסקריפּט. אָבער ביז דער ראָמאַן האָט שוין געדאַרפט טאַקע דערשיינען אין מאָסקווע, האָבן אין רוסלאַנד צוריק גענומען בלאָזן די אַלטע ווינטן און מען האָט זיך אומגעקערט צום „סאָציאַליסטישן רעאַליזם״ אין דער ליטעראַטור און מען האָט „ד״ר זשיוואַגאָ״ ניט אַרויסגעגעבן. דער איטאַליענישער פאַרלעגער, אַ מיליאָנער און אַ קאָמוניסט, איז אונטער דער ווירקונג פון כרושטשעווס „הספד״ אויף סטאַלינען געוואָרן אַנטיסאָוועטיש, האָט ער זיך פאַרעקשנט און דווקא אַרויסגעגעבן דאָס ווערק. לעגאַל האָט מען אים ניט געקענט שטערן, ווייל דער ראַטנפאַרבאַנד אָנערקענט ניט די אינטערנאַציאָנאַלע מחברים-רעכט. אין 1958 איז דאָס זעלביקע בוך דערשינען אויף ענגליש אין פאַרלאַג פון וויליאַם קאָלינס סאָנס.

די סענסאַציע אַרום „ד״ר זשיוואַגאָ״ איז געוואָרן פאַרפילפאַכט, ווען דעם דאָזיקן ווערק איז צוגעטיילט געוואָרן די נאָבעל-פּרעמיע פאַר 1958. די גאַנצע וועלט האָט זיך אַ וויג געטאָן. לכתחילה האָט באָריס פּאַסטערנאַק, ווי יעדער שרייבער אין יעדער אַנדערן לאַנד וואָלט אויף זיין פּלאַץ געטאָן, אויסגעדרוקט זיין פרייד און זיין גליקלעך זיין. אָבער עס האָט זיך באַלד אויפגעהויבן אַ העצע קעגן מחבר. אָנגעפירט איז די העצע געוואָרן פון פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער, וואָס האָט פּאַסטערנאַקן דערקלערט אַלס שונא פון פאָלק און לאַנד און אים אויסגעשלאָסן אַלס מיטגליד. ס׳איז ניט געווען שווער צו דערקענען, אַז די רעגירונג אַליין סטימולירט צו דער העצע. און באָריס פּאַסטערנאַק האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּרעמיע. דאָס איז געשען צום ערשטן מאָל, אַז אַ שרייבער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער נאָבעל-פּרעמיע.

באָריס פּאַסטערנאַק, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890, האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1912 אין אַ מעסיק-פוטוריסטישן זשורנאַל. ער איז פאַרבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט מאַניפעסטירט אַלס קאָמוניסט. זיינע לידער זענען על פּי רוב ניט אויף סאָציאַלע, נאָר אויף פילאָזאָפיש און אינדיווידואַליסטישע טעמעס.

דאָד האָט מען אים טאָלערירט און מען האָט ניט נאָר זיך גענוצט מיט זיינע שעקספּיר-איבערזעצונגען פאַר די פאַרלאַגן און טעאַטערס, נאָר מען האָט אים אַרויסגעגעבן עטלעכע בענד לידער זיין 1932, 1943 אאַ"וו און אויך אַ באַנד דערציילונגען. ער איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גרויסן דיכטער פון די גרעסטע „ספּעצן" און מען האָט מסתמא אויך געפילט זיין ערנסטקייט און אויסגעהאַלטנקייט און מען האָט אים ניט געטשעפּעט און אַפילו רעספּעקטירט. מען האָט פּאַסטערנאַקס נאָמען שטענדיק דערמאָנט איניינעם מיט די נעמען פון די צוויי גרויסע סאָוועטישע דיכטער וול. מאַיאַקאָווסקי און יעווגעני יעסענין, וועלכע זענען ביידע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דער ערשטער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קאָמוניסט אין זיין שאַפן און דאָך איז אים געווען אומעגלעך צו לעבן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, דער צווייטער האָט געפּרווט ווערן אַ קאָמוניסט און ניט געקענט...

די סאָוועטישע פּרעסע האָט אַ לאַנגע צייט געהאָלפן פירן די העצע קעגן מחבר פון „ד"ר זשיוואַגאָ". די טענה איז געווען: דאָס בוך האָט ניט קיין קינסטלערישן ווערט און ס'האָט געקראָגן די פּרעמיע בלויז פאַר דער אַנטיסאָוועטישער טענדענץ. מען האָט „פאַרגעסן", אַז אין ראַטנפאַרבאַנד גופא האָט מען געגעבן פּרעמיעס און „אָרדענס" נאָר צו אַזעלכע אויסלענדישע שרייבער, וואָס זענען געווען קאָמוניסטיש און די קינסטלערישקייט פון די ווערק איז לחלוטין ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט. די העצע קעגן מחבר פון „ד"ר זשיוואַגאָ" איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז מען האָט שוין גענומען לייקענען פּאַסטערנאַקס טאַלאַנט בכלל... און אויב עס האָט ניט געקענט באַשטעטיקט און דערוויזן ווערן, אַז פּאַסטערנאַק האָט ניט קיין טאַלאַנט, איז אָבער באַשטעטיקט און דערוויזן געוואָרן, אַז ער איז טאַקע אַנטיסאָוועטיש. מען האָט זיך וועגן דעם דערוווסט פון צוויי „אויסגליטשן" פון זיינע, פון אַן אויטאָביאָגראַפישער סקיצע זיינער און פון זיינעם אַ ליד, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אויסלאַנד.

די סענסאַציע אַרום „ד"ר זשיוואַגאָ" איז פאַרגרעסערט געוואָרן אויף אונדזער יידישער גאַס, צוליב אַ פּאָר יידישע מאָמענטן. ערשטנס איז באָריס פּאַסטערנאַק אַ ייד פון געבוירן, וואָס זאָל זיך האָבן געשמדט. צווייטנס האָט דאָס ווערק „ד"ר זשיוואַגאָ" אַ שטאַרקן און שאַרפן שטעל קעגן קיום פון יידישן פאָלק.

דער פאָטער פון ב. פּ., לעאָניד פּאַסטערנאַק, איז געווען אַן אָפּגעפרעמדטער רוסישער ייד, אַ באַרימטער מאָלער. ער איז געווען אַן אייגענער אין די קרייזן פון לעוו טאָלסטאָי. אונטער דער

ווירקונג פון דוד פרישמאַן און ח. נ. ביאַליק איז לעאָניד פּאַס־טערנאַק געוואָרן יידיש נאַציאָנאַל. אין 1924 איז ער געקומען קיין ארץ ישראל און ער איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון ירושלים און ס׳איז דערשינען אין העברעיש זיינס אַ בוך. דעם זון זיינעם האָט לעאָניד פּאַסטערנאַק, וויזט אויס דערצויגן לחלוטין ניט־יידיש, כאָטש דער יידישער דיכטער ל. פיינבערג דערציילט, אַז באָריס פּאַסטערנאַק האָט אים אַמאָל ערנסט גערעדט וועגן דעם, אַז ער קלייבט זיך צו ווערן אַ יידישער פּאָעט, ס׳הייסט: צו שרייבן יידיש... אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען אין דער דריטער אויפלאַגע פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון „ד״ר זשיוואַגאָ״ דערמאָנט דער מחבר אינגאַנצן ניט, אַז ער איז אַ ייד.

ווען באָרים פּאַסטערנאַק האָט זיך געשמדט, ווייסן מיר ניט פּינקטלעך און מיר ווייסן אויך ניט פאַרוואָס ער איז באַגאַנגען אָט די עקלהאַפטע טאַט. מען זאָגט, אגב, אויך, אַז איליאַ ערנבורג, דער קאָמוניסטישער פויקער, האָט זיך געשמדט. יעדנפאַלס האָט ער אַ ביכל לידער, אין וועלכן ער האָט באַזונגען די צערקווע. אויב באָרים פּ. האָט זיך געשמדט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז עס אַ באַוויז, אַז ער האָט דאָס ניט געטאָן צוליב אינטערעס. יעקב גלאַטשטיין, פּאַסטערנאַקס שאַרפסטער קעגנער אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט מיר געזאָגט, אַז רבנים באַטראַכטן פאַר משומדים בלויז די דאָזיקע, וואָס שמדן זיך אויס איבערצייגונג. די דאָזיקע, וואָס שמדן זיך פאַר אינטערעס, האַלטן זיי פאַר יידן, געמיינע, אָבער יידן... איך פּערזענלעך ווייס, אַז רבנים האַלטן, אַז אַ ייד קען ניט ווערן אויס ייד... יעדנפאַלס פּאַסט זיך צו באָרים פּאַסטערנאַקן זייער שטאַרק דאָס באַרימטע רבּיישע וואָרט, אַז „אַ ייד שמדט זיך ניט״... ער איז פּאַקטיש קיינמאָל ניט געווען פּראַקטיש קיין ייד. אין „ד״ר זשיוואַגאָ״ זעט מען, אַז ער קען די פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע דורך און ער האָט זי ליב, כאָטש זיינע אַ העלדין לאָזט אַמאָל הערן אַ וואָרט פון קריטיק קעגן איינעקע תפילות.

עס איז אויסער יעדן ספק, אַז מיר דאַרפן באַטראַכטן פּאַסטערנאַקן פאַר איינעם, וואָס איז בלויז געבאָרן אַ ייד, אָבער ער איז עס ניט געווען און איז עס ניט. און אויב ער האָט זיך געשמדט פאַר איבערצייגונג, איז ער דאָך אַ געפערלעכער משומד און מ׳קען פון אים ניט דערוואַרטן קיין גוטס פאַר יידן אַלס יידן און מ׳קען צו אים קיין טענות ניט האָבן. א. סוצקעווער דערציילט, אַז בעת דער צווייטער מלחמה איז דער פוטוריסטישער דיכטער געווען גרייט צו טאָן דאָס בעסטע פאַר יידן בכלל און יידישע שרייבער

בפרט, אָבער ער האָט געהאַט ווייניק כּוח... פון דעם אַלעמען קומט אַרויס אייגנטלעך, אַז די טענות צו פּאַסטערנאַקן פאַר זיין שטעל קעגן דער עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אין זיין בוך „ד״ר זשי־וואַגאָ”, קענען ניט זיין ווי צו אַ יידן. און אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז ער איז אַ מסית ומדיח צו שמד, דאַרפן מיר באַלד איינגיין, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ משומד, וואָס רופט צו שמד...

בראש פון דעם קאַמפּיין ביי אונדז אין דער ליטעראַטור קעגן „ד״ר זשיוואַגאָ” געפינט זיך דער דיכטער, עסעיסט און פּובלי־ציסט יעקב גלאַטשטיין. צוגעשטאַנען אַלס שותּף איז צו אים ניט סיין אַנדערער ווי דער פּרעמיער פון ישראל דוד בן־גוריון, וואָס איז אַרויס מיט אַ דערקלערונג, אַז „ד״ר זשיוואַגאָ” איז אַן אומ־ווירדיק ווערק. יעקב גלאַטשטיין האַלט, אַז אויך קינסטלעריש איז עס אַ ווערטלאָז בוך.

דער מחבר פון אָט די שורות האָט געוואַרט מיטן נעמען אַ שטעלונג צו אָט דעם ווערק, ביז ער האָט ניט געקראָגן די מעג־לעכקייט דאָס צו לייענען אין רוסיש, אין דער שפּראַך, אין וועל־כער ס׳איז געשריבן געוואָרן, און ער האָט דאָס גרינטלעך דורכ־געקנעלט און וועל איצטער באַקענען מיינע לייענער מיטן תּוך פון דעם סענסאַציאָנעלסטן ראָמאַן פון אונדזער צייט. דער אויספיר וועט אויף אַ נאַטירלעכן אופן קומען פון זיך אַליין.

— 2 —

וואָס איז פאַראַן קעגן יידישן פאָלק אין „ד״ר זשיוואַגאָ״

— וואָס אזוינס איז פאראן וועגן יידישן פאָלק אין „ד״ר זשיוואגאָ״, וואָס האָט ארויסגערופן אזא טומל און — א שיר-ניט חרם-דעקלאַראַציע פון פרעמיער פון מדינת ישראל?

— איין שטעל אין דעם דאָזיקן בוך דאַרף דאָ גענומען ווערן אין באטראכט. דער דאָזיקער שטעל הייבט זיך אָן אויף דער זייט 121 און ווערט פארענדיקט אויף דער זייט 126. עס ווערט נאָך אין א פּאָר ערטער דערמאָנט דער נאָמען ייד, אָבער אויף אזא אומשולדיקן און יידנפריינטלעכן אופן, אז פון זיי קען קיין רעדע ניט זיין.

— וואָס זשע ווערט געזאָגט אין אָט דעם שטעל?

— וועגן דעם דערציילן מיר דאָך. ס׳איז בעת דעם ערשטן וועלטקריג. ערגעץ לעבן שלאכטפעלד האָבן זיך געטראָפן ד״ר יורי אַנדרייעוויטש זשיוואַגאָ. דער הויפט־העלד פון בוך מיט זיין פריינט מישאַ גאָרדאָן, א זון פון יידן, וואָס איז ניט אזוי גליקלעך מיט זיין אָפּשטאם. ער איז געוואקסן צווישן רוסישע ייִנגלעך און ער איז זיי מקנא געווען, וואָס זיי זענען בלויז רוסן. זשיוואגאָ און גאָרדאָן קערן זיך פארנאכט אהיים און זיי באמערקן ווי אין א דאָרף, וואָס זיי זענען פארביי געפאָרן, שטייט א יונגער סאָלדאט, וואָס רופט ארויס „פריינטלעכע געלעכטערס״ ביי די דאָזיקע וואָס רינגלען אים ארום. דער קאָזאַק מאכט א חוזק פון אן אלטן יידן מיט א גרויער באָרד אין א לאנגער ק.פּאָטע. ער ווארפט א קופערנע מטבע, אז ער זאָל זי כאפן און דער ייד כאפט זי ניט

און ער דארף זיך אָנבייגן זי צו אויפהייבן. דער קאָזאַק שמייסט אים אונטער, בעת ער בייגט זיך אָן. אָט די „חכמה" האָט דאָס ארויסגערופן דאָס גרויסע געלעכטער.

זשיוואַגאָ געפעלט ניט די זאַך און ער רופט צו דעם קאָזאַק (ער איז דאָך אַ מעדיקער אָן אָפיצער) און זידלט אים אויס און ער באַפעלט אים אָפּשטעלן דעם חוזק און יענער פאַרענטפערט זיך, אַז זיי טוען דאָך דאָס בלויז פאַר שפאַס, און שפעטער אַביסל זאָגט ד"ר זשיוואַגאָ צו זיין יידישן פריינט:

„דאָס איז שרעקלעך... דו שטעלסט זיך קוים פאָר, וואָס פאַר אַ כוס ליידן די אומגליקלעכע יידישע באַפעלקערונג האָט אויסגעטרונקען אין אָט דער מלחמה. מען פירט די מלחמה דווקא אין תחום המושב (טשערטא אסיעדלאָסטי)... און פאַר די ליידן צאָלט מען איר נאָך פאָגראָמען, חוזק און באַשולדי-קונג און ניט גענינגנדיקן פאַטריאָטיזם. און פאַרוואָס זאָל זי זיין פאַטריאָטיש, אַז ביים שונא האָט זי אַלע רעכטן? און ביי אונדז איז זי אונטערגעוואָרפן בלויז רדיפות... די אָרעמקייט פון די יידן, זייער שוואַכקייט, זייער אומפעיקייט צוריקצוגעבן קלעפּ, איז אומפאַרשטענדלעך. דאָ איז פאַראַן עפּעס גורל-דיקס".

דער ייד גאָרדאָן ענטפערט אויף דעם גאָרניט. דער קריסט רעגט זיך אויף, ווי אַ לעבלעכער ליבעראַל, דער ייד שווייגט. שפעטער, ווען זיי זענען שוין אין צימער און זיי שמועסן וועגן פאַרשידנקייטן, האַלט מישאַ גאָרדאָן אַ לעקציע וועגן פאָלק בכלל און יידישן פאָלק בפרט. ער הייבט אָן אַזוי:

„איצטער וועל איך דיר ענטפערן וועגן דער סצענע, וואָס מיר האָבן היינט געזען. דער דאָזיקער קאָזאַק, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון דעם אָרעמען יידישן פאַטריאַרך, איז, ווי אין אַ סך אַזעלכע טויזנטער פאַלן, ניט עפּעס אַנדערש ווי ביישפּילן פון דער פּראָסטסטער נידעריקייט וועגן וועלכע מען פילאָזאָפירט ניט, נאָר מען דערלאַנגט איבערן פּרצוף, דאָס איז קלאָר. אָבער אין שייכות צו דער פראַגע וועגן יידן אַלס גאַנצע, איז די פילאָזאָפיע יאָ צום אָנווענדן און זי באַווייזט זיך דעמאָלט פון דער פאַרקערטער זייט. אָבער דאָ וועל איך דיר ניט זאָגן קיין נייעס. אָט די אַלע געדאַנקען ביי מיר, ווי ביי דיר, זענען פון דיין פעטער".

(ד"ר זשיוואַגאָ האָט אַ פעטער מיטן נאָמען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַ געוועזענער גלח, וועלכן מען האָט אויסגעשלאָסן פון דער קירכע, ווייל ער האָט געהאַט צו־פרייע געדאַנקען און ער איז אַ מעסיק־ליבעראַלער מענטש מיט גאַנץ אייגנאַרטיקע געדאַנקען).

איך געפין ניט פאַר נייטיק איבערצוזעצן מלה במלה דעם מאָנאָלאָג פון מישאַ גאָרדאָן, ווייל ער איז צו־ליטעראַריש און ער וועט פאַר דעם פשוטן לייענער ניט אַרויסקומען גענוג קלאָר. איך פאַרזיכער אָבער, אַז בלויז די ווערטער גיב איך ניט איבער פינקטלעך, די געדאַנקען גיב איך איבער מיט דער שטרענגסטער פינקטלעכקייט.

גאָרדאָן ווענדט זיך צו זשיוואַגאָן און ער זאָגט אים: דו פרעגסט, וואָס איז אַזוינס אַ פאָלק? צי דאַרף מען זיך ניאַנטשען (צערטלען) מיטן פאָלק, צי ס'איז בעסער אים אַריינציען מיט זיין גאַנצער שיינקייט און מיטן טריומף פון זיינע מעשים אין דער צווישן־פעלקערישקייט? (דאָס מיינט אַנדערש גערעדט: דאַרף מען העלפן אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַליזם ביי אַ פאָלק, צי מען דאַרף אים סטימולירן צו אינטערנאַציאָנאַליזם?).

און גאָרדאָן ענטפערט: וועגן וואָס פאַר אַ פעלקער קען זיין די רעדע אין דער קריסטלעכער צייט? דאָס זענען דאָך ניט סתם פעלקער, נאָר איבערגעמאַכטע (מגייר געוואָרענע), איבערגעשאַפענע פעלקער. די גאַנצע זאַך גייט דאָך ניט אין זייערע אַלטע יסודות, נאָר אין די נייע אני מאמינס, צו וועלכע זיי זענען באַקערט געוואָרן. לאָמיר דערמאָנען די עוואַנגעליע: וואָס זאָגט זי אויף אָט דער טעמע? זי איז דאָך ניט געווען קיין דירעקטער באַפעל, נאָר אַ פאָרשלאַג. אַז איר ווילט, קענט איר ווערן אַזוי און אַזוי, אויב איר ווילט עקזיסטירן אויף אַ נייעם אופן און איר ווילט די גליקזעליקייט פון גייסט. און אַלע האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און זיי זענען פאַרצויגן געוואָרן אויף יאָרטויזנטער! ווען די עוואַנגעליע רעדט וועגן גאָטס מלוכה, ווו עס איז ניט פאַראַן קיין עלין און קיין יודעי, האָט דאָס בלויז געוואָלט זאָגן, אַז פאַר גאָט זענען אַלע גלייך? ניין, דאָס האָט די עוואַנגעליע ניט געדאַרפט זאָגן. דאָס האָבן געוווסט די פילאָזאָפן פון גריכנלאַנד, די רוימישע מאָראַליסטן (? י. ב.), די נביאים פון אַלטן טעסטאַמענט (די יידישע נביאים). די עוואַנגעליע האָט גערעדט וועגן דעם פאַרטראַכטן נייעם אופן פון עקזיסטענץ, וועגן דער נייער פאָרם פון צוזאַמענלעבן, וואָס רופט זיך דאָס געטלעכע קעניגרייך. ס'זיינען ניטאָ קיין פעלקער, ס'זיינען פאַראַן פערזענלעכקייטן (מיין קורסיוו — י. ב.).

זשיוואַגאָ האָט פריער געזאָגט, אַז דער פאַקט איז זינלאָז,
אויב ער האָט ניט קיין געדאַנק. (דאָס איז אייגנטלעך פלאַטאָניזם,
פאַר וועלכן עס עקזיסטירן ניט קיין זאַכן, נאָר אידעען — י. ב.).
דאָס קריסטנטום איז די מיסטעריע פון דער פערזענלעכקייט און
איז אייגנטלעך דאָס דאַזיקע, וואָס מען דאַרף אַריינברענגען און
פאַקט, בכדי ער זאָל קריגן אַ באַדייטונג פאַר דעם מענטשן.

מיר האָבן פריער גערעדט, זאָגט מישאַ גאָרדאָן, וועגן
מיטלמעסיקע כלל-טוער, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן
פאַר דער וועלט, וועגן צווייטראַנגיקע כוחות, וואָס זיינען פאַרינ-
טערעסירט אין שמאָלקייט, בכדי זיי זאָלן שטענדיק קענען ריידן
וועגן אַ פאָלק, אַ דורכויס קליינעם, וואָס זאָל ליידן און מען
זאָל קענען זיך דערוואַרעמען און מאַכן וויכטיק ביים רחמנות
אויף אים. אַ פולער קרבן פון אָט דער סטיכיע איז דאָס יידנ־
טום. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ
טויטנדיקן מוז צו זיין און צו בלייבן אַ פאָלק אין פאַרלויף
פון דורות, אין משך פון וועלכע אַנדערע פעלקער האָבן מיט
דער הילף פון דעם געדאַנק, וואָס איז אַרויס פון יידנטום, זיך
פון דעם באַפרייט. ווי דערשטוינענדיק דאָס איז! ווי אַזוי האָט
דאָס געקענט געשען. דאָס באַפרייען זיך פון דער טייוולאָנישער
מיטלמעסיקייט (דאָס זאָל זיין דער נאַציאָנאַליזם. י. ב.) איז
דאָך געבוירן געוואָרן אויף דער יידישער ערד און האָט גערעדט
אין די יידנס שפּראַך, טאָ ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געקענט דורכ-
לאָזן? ווי אַזוי האָבן זיי געקענט לאָזן אַוועק פון זיך אַזאַ וווּנ־
דערלעכע שיינקייט און קראַפט און אַליין בלייבן ווי אַן אויסגע-
ליידיקטע שאָלעכץ פון אַ ווונדער, וואָס זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן?
לטובת וועמען האָבן זיי זיך געלאָזט אויף פריווויליקן מאַרטי-
רערטום און בלייבן אויסגעלאַכט אויף דורות און אָפגיין מיטן
בלוט פון זייערע אומשולדיקע אַלטע לייט, ווייבער און קינדער?
פאַרוואָס זיינען אַזוי טאַלאַנטלאָז די פאָלק-ליבנדיק, שרייבער
פון אַלע פעלקער? און פאַרוואָס זיינען די הערשער פון די גע-
דאַנקען פון אָט דעם פאָלק ניט געגאַנגען ווייטער פון די צוו-
גרינג אָנקומענדיקע פאָרמען פון וועלטשמערץ און איראָניזירנדי-
קער חכמה? פאַרוואָס האָבן זיי ניט אויפגעלייזט זייער צוגע־
בונדנקייט, וואָס רייסט זיך צו פרייהייט, ווי עס רייסט זיך די
פאַרע פון צוגעדעקטע זידנדיקע קעסלען? פאַרוואָס האָבן זיי (די
לערער פון יידישן פאָלק. י. ב.) ניט געזאָגט: „באַדענקט זיך:
מען דאַרף מער ניט. רופט אייך ניט אָן ווי פריער. דריקט אייך
ניט צונויף אין קיין הויפן, צעגייט זיך. זייט מיט אַלעמען: איר
זענט די ערשטע און בעסטע קריסטן אין דער וועלט. איר זענט

בפירוש דאָס דאָזיקע, קעגן וועלכע די ערגסטע און שוואַכסטע פון אייך האָבן אייך געשטעלט".

דער געדאַנק איז דאָ מוראָדיק קלאָר אין זיין פולער פינצטערקייט און ליגנערישקייט. די עוואַנגעליע האָט, הייסט עס, געלערנט אַלע פעלקער פון יענער צייט ווערן אוים פעלקער און זיין בלויז מענטשן און אַלע פעלקער האָבן איר געפאָלגט און בלויז דאָס יידישע פאָלק פון וועמענס מיט די עוואַנגעליע איז אַרויסגעקומען, האָט נישט געפאָלגט. זיינען אַלע פעלקער געוואָרן באַנייט, געוואָרן אוים נאַציאָנאַל און נאָר די יידן זיינען צום אומגליק געבליבן נאַציאָנאַל. (און זיי זיינען דערפאַר אסור לרחם...).

די פאַקטן דערציילן דווקא דעם היפך: די בלוטיקע קאַמפן צווישן די קריסטלעכע פעלקער זאָגן עדות, אַז קיינם פון זיי איז ניט געוואָרן אוים נאַציאָנאַל. און דווקא די יידן זיינען אין א געוויסער מאָס געוואָרן אוים נאַציאָנאַל, ווייל מיר האָבן די גאַנצע צייט ניט געהאַט קיין לאַנד, קיין מלוכה, קיין אַרמיי. דווקא מיר האָבן געלעבט מער אין אַ געטלעכן ווי אין אַ מענטשלעכן קעניגרייך...

אַלץ, וואָס מישאַ גאָרדאָן זאָגט, איז שקר וכזב און די פאַלשקייט טאַפּט אָן אַ קליין קינד. עס קען זיין, אַז באָריס פּאַסטערנאַק, וואָס איז אַליין אַ מישאַ גאָרדאָן, דענקט אַזוי ווי זיין העלד און ער וויל זאָגן, אַז אויב יידן זיינען נאָך דעמאָלט בעת יעזוסעס דערשיינען ניט געוואָרן אוים פאָלק, דאַרפן זיי דאָס איצטער ווערן, אָבער געזאָגט ווערט דאָס אַלץ אין נאָמען פון אַ געוועזענעם גלח, אַן עכטן רוס, וואָס איז נאָך געגנוג גלחיש אין זיינע געדאַנקען, כאָטש ער האָט זיך אָפּגעשוירן דעם „פּאָפּסקע" צאָפּ. און אַזוי ווי יידן נעמען ניט אָן די אַלע „תורות", וואָס גוישע געלערנטע ווילן אונדז געבן, וועלן מיר ניט אָננעמען די „תורה", וואָס דר. זשיוואַגאָס פעטער, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אונדז געוואָלט געבן און דער יידישער יונגערמאַן מישאַ גאָרדאָן, וואָס לײַדט פון אַ יידישן אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס, צעפּויקט. ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש אַליין האַלט, אַז דאָגמאַטישקייט איז אַ מקלט פאַר אומבאַגאַבטקייט, אַלציינס, צי זי איז געטריי סאָלאָוויאָוון, קאַנטן, אָדער מאַרקסן. די אינטערנאַציאָנאַלע „לערע" פאַר יידן איז אויך אַזאַ ניט־באַגאַבטקייט און פאַלשקייט.

אוודאי זיינען די דאָזיקע געדאַנקען, וואָס באָריס פּאַסטער-

נאַך וויל אונדז פּרעדיקן אין נאָמען פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן דורך מישאַ גאָרדאָן, פאַלשער ווי פאַלש, אָבער איך גלייב ניט, אַז זיי זאָלן קענען איבערצייגן איין דענקענדיקן מענטשן. קיין שום יונגער ייד מיט אַ מוח וועט ניט גלייבן, אַז די דייטשן, רוסן, פראַנצויזן, ענגלענדער אאַ"וו, די אַלע קריסטלעכע פעלקער זיינען ניט-נאַציאָנאַליסטיש און בלויז מיר יידן זיינען נאַציאָנאַליסטיש און מיר מאַכן קאַליע דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געטלעכע קעניגרייך...

עס איז אָבער כדאי צו באַמערקן, אַז דער צוגאַנג פון מישאַ גאָרדאָן, פּליום ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, פּליום באָרים פּאַסטער-נאַק צום פּראָבלעם נאַציאָנאַליזם איז בשום אופן ניט קיין סאָ-וועטישער און ניט אַזאַ, וואָס קען געפעלן ווערן די טאָן-געבער פון סאָוועטיזם. פאַר זיי איז אָט דער צוגאַנג אַ... יידיש קאָס-מאָפּאָליטישער און זיי זיינען דורכוים קעגן אים און פאַר אַ נאַציאָנאַלער איינשטעלונג. פונקט ווי באָרים פּאַסטערנאַק איז אַ משומד פון איבערצייגונג, איז ער אויך אַ קאָסמאָפּאָליט פאַר איבערצייגונג און ער האָט אין דעם פּרט אַ נאַיוון צוגאַנג, וואָס איז בשום אופן ניט ווייניקער קינדיש, ווי פאַלש.

דער אינהאלט פון „ד״ר זשיוואגא״ בקיצור

„דר. זשיוואגא״ האט ביי פאסטערנאקן ניט קיין שום אונטערטיטל, אבער ס׳איז א ראמאן לויט אלע פרטים און דיקדוקים. א ראמאן מיט א צענטראלן העלד און מיט הויפט-העלדן און מיט א סביבה און מיט א גאלעריע טיפן און מיט האנדלונג, וואס קומט סיי פון אינעווייניק, סיי פונדרויסן. א סוביעקטיווע האנדלונג, וואס שטאמט פון דעם ווילן, די ליידנשאפטן און אימפולסן פון די העלדן און אן אביעקטיווע האנדלונג, וואס הזמן גרמא — שטאמט פון דער צייט, וואס ברענגט א קריג, רעוואלוציעס אא״וו. א האנדלונג, וואס ציט זיך איבער גרויסע, ווייטע שטחים פון מאסקווע, ביז פארשידענע ערטער אין רוסלאנד, ביז איבער די גרענעצן (אין צייט פון ערשטן וועלט-קריג) אין סיביר. דער מחבר רופט ביים אנהייב פון 15טן קאפיטל זיין ווערק „פאוויעסטי״, וואס קען פונקט אזוי הייסן א דערציילונג, ווי א ראמאן, אבער ס׳איז א ראמאן. עס קומען פאר ליבעס, אנטוישונגען און אפילו א פרווו פון א מארד און א זעלבסטמארד. דער הויפט-העלד אליין, דר. יורי אנדרייעוויטש זשיוואגא, האט א ווייב און צוויי געליבטע און מיט אלע דריי האט ער קינדער.

דער ראמאן איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן. דער ערשטער האט זיבן קאפיטלען און דער צווייטער — צען. דאס צענטע קאפיטל באשטייט פון שירים, וואס דר. זשיוואגא זאל געווען האבן געלאזט נאך זיך. אינעווייניק אין טעקסט ווערן אייניקע פון די דאזיקע לידער דערמאנט און עס קומט ארויס בולט ביי וואס פארא איבערלעבונגען ער האט זיי געשריבן.

פון דעם געזאגטן זעט איר, אז דער מחבר ווייזט זיין העלד

ווי אַ דיכטער. ער ווייזט אים בכלל ווי אַ שרייבער און ווי אַ דענקער. נאָך ווען ער איז אין אוניווערזיטעט, זאָגט זיך וועגן אים, שרייבט ער און טראַכט שיין און ער קלייבט זיך אָנשרייבן אַ בוך מיט לעבן־באַשרייבונגען. פון דער פּראָפעסיע אָבער איז דר. זשיוואַגאָ אַ דאָקטער, ס'הייסט אַ מעדיקער.

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן לערך אין די 90קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. יורי איז נאָך דעמאָלט אַ קליין יינגל. ער שטאַמט פון אַ באַוווסטער פאַמיליע. פאַראַן אַ פאַבריק, אַ באַנק און אַ הויז „זשיוואַגאָ". פאַראַן אַפילו אַ קראַוואַט שפּילקע און אַ געבעקס „זשיוואַגאָ". אַז מען זאָגט אַ קוטשער פון אַ דראָשקע אין מאָסקווע „צו זשיוואַגאָ", פירט ער צו. די מוטער פון יורין שטאַרבט. דאָס ווערק הייבט זיך אָן טאַקע אויף דעם בית עולם בעת דער מוטערס קבורה. אַזוי לאַנג די מוטער האָט געלעבט, האָט דאָס יינגל ניט געוווּסט, אַז דער פאָטער וואַנדערט אַרום איבער סיביר און אויסלאַנד און ער שיכורט און הולטאַיעוועט און ער האָט אויסגעגעבן אַ מיליאָניק פאַרמעגן. דאָס יינגל בלייבט אונטער דער השגחה פון זיין מאַמעס ברודער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַ געוועזענעם גלח, וואָס איז געוואָרן אַן אפּיקורס און ער איז דאָך געניגט קריסט צי טרייסטן דעם פּלימעניק מיט יעזוסן. דעם יינגל איז גוט מיט זיין פעטער, וואָס איז ענלעך צו זיין מאַמען און וואָס פאָרט מיט אים פון פּלאַץ צו פּלאַץ, הגם ניט שטענדיק קריגט ער חברים אין זיין עלטער און ער מוז זיין צווישן דערוואַקסענע. און איז ער אויף אַ פּלאַץ, ווו עס איז פאַראַן אַ יינגל ניקאָלאַי דודוראָוו, וואָס איז אים אַמאָל געפעלן, איז דאָס דאָזיקע יינגל, אַ זון פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אַרעסטירט, עלטער פון אים און ער וויל זיך מיט אים ניט חברן און ער ווערט זיינער אַ געשוווירענער פריינט ערשט שפּעטער מיט יאָרן. דער פעטער האָט אייגענע און אייגנאַרטיקע געדאַנקען און „אַ פּריציש געפיל פאַר גלייכהייט" און יורי ווערט פון אים היפּש באַאיינפלוסט.

בעת די וואַנדערונגען און שפּאַצירן באַלד נאָך דער מוטערס טויט קריגט יורי אַ פריינט אין באַן, בעת ער זעט אַ זעלבסטמאָרד פון אַ פרעמדן מענטשן. דער פריינט איז אַ יינגל פון אַ יאָר עלף מיטן נאָמען מישאַ גאָרדאָן. ער איז אַ זון פון אַ געשווירענעם אַדוואָקאַט, אַ יידן, וואָס פאַרשטייט קיינמאָל ניט, וואָס עס „מיינט זיין אַ ייד" (דערפאַר פאַרכאַפּט אים אַזוי ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס „תורה", אַז יידן האָבן געדאַרפט אין יעזוסעס צייטן ווערן אויס פאָלק). מישאַ פאַרשטייט ניט ווי אַזוי

מ'קען האָבן די זעלביקע הענט און פיס, וואָס אַלע, ריידן די זעלביקע שפּראַך און דאָך זיין אַנדערש. און ער פרעגט וועגן דעם זיין פעטער, ענטפערט ער אים, אַז זיין צוגאַנג איז אַן אומגעלומפּערטער, אָבער ער זאָגט אים ניט ווי אַזוי מען דאַרף אַנדערש צוגיין צו דעם...

דער פעטער באַזעצט סוף כל סוף דעם פּלימעניק ביי אַ געלערנטער פאַמיליע גראָמעקאָ, אויף דער פּעטראָווסקער ליניע, (אַ געגנט אין מאָסקווע) פון וואַנען ער קומט אין קאָנטאַקט אויך מיט אַ סך פאַרשידענע מענטשן פון „טשערנאָגאָריע", אַ כמעט אונטערוועלט געגנט, ווו עס וווינען אויך רעוואָלוציאָנערן און מיטעלע, אָדער עקאָנאָמיש געפאַלענע גבירים. לעבנדיק אין אָט די געגנטן לערנט יורי פריער אין גימנאַזיע און דערנאָך אין אוניווערזיטעט. ביי די גראָמעקאָס איז פאַראַן אַ טאָכטער מיטן נאָמען טאָניאַ, וואָס ענדיקט אויף אַדוואָקאַט דעמאָלט ווען יורי ענדיקט אויף מעדיקער און מישאַ ענדיקט דעם פילאָזאָפישן אָפּטייל פון פילאָלאָגישן פאַקולטעט. אָט די טאָניאַ ווערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן די כלה און די פרוי פון יורין. ער האָט זי ליב, ער רעספּעקטירט זי, פאַראַן שיינקייט אין זייער צוזאַמענלעבן. אָבער די גאָר גרויסע ליידנשאַפט, דער גרויסער פלאַם פון ליבע איז ניט פאַראַן. דעם גרויסן רייץ רופט אַרויס ביי יורין אַ מיידל פון אַ בעלגישער פרוי, אַן אָפּגעקומענע. די מוטער רופט מען מאַדאַם גישאַר, די טאָכטער הייסט לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ און מען רופט זי לאַראַ. זי איז די שענסטע, אינטערעסאַנטסטע און ריינסטע מיידל אין גאַנצן קרייז. די מאַדאַם גישאַר ווערט „פּראָטעזשירט" פון אַ בעל גוף, אַ גרויסהאַלטער, אַ קנאַקער, וואָס לעבט מיט איר און וואַרפט אַן אויג אויף דער טאָכטער. דער דאָזיקער ווייבערניק הייסט וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש קאָמאַראָווסקי און ער באַווייזט צו פאַרפירן לאַראַן און זי אַ היפּש ביסל צייט פייניקן. לאַראַ רייסט זיך ענדלעך אַרויס פון אים און באַפרייט זיך און פאַרטראַכט אים צו שיסן בעת אַ יום-טוב אין אַ באַקאַנטן הויז און זי טרעפט מיט דער קויל אין אַן אַנדערן. וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש מאַכט, אַז אַלץ זאָל פאַריבן ווערן. אָט די לאַראַ רופט אַרויס ביי יורין דעם גרויסן רייץ. זי וועקט אין אים פולשטענדיק אויף דעם מאַן. אָבער די וועגן צעגייען זיך צווישן די ביידע. יורי האָט חתונה מיט טאָניאַן, לאַראַ האָט חתונה מיט פּיטוליאַ אַנטיפּאָוו, וועלכן מען רופט פּאַשאַ. ער איז אַ זון פון אַן אומגעבראַכטן רעוואָלוציאָנער, ער שטאַמט פון אָרעמען שטאַנד און קוקט אַרויף צו לאַראַן, וואָס איז פון גרויסן יחוס. ער געפעלט אויך איר, אָבער נאָכדעם, וואָס זי ווערט פאַר־

פירט פון קאַמאַראָווסקין, טראַכט זי שוין גאָרניט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט איר, אָבער ערשט דעמאָלט ווערט ער משוגע נאָך איר און זיי האָבן חתונה.

דאָס צוזאַמענלעבן צווישן יורין און טאָניאַן איז לערך נאָרמאַל, דאָס צוזאַמענלעבן צווישן פּאַשאַן און לאַראַן נעמט אָן אַ טראַגישע פאָרם. פּאַשאַן דאַכט זיך, אַז לאַראַ איז צו גוט צו אים, אָבער ניט עכט און ניט אויפריכטיק. און ווען זיי האָבן שוין זייער וווּנדערלעך טעכטערל קאַטינקאַ, גייט אַוועק פּאַשאַ אין אַן אָפיצירן־שול, ווערט פּראַפּאָרשטשיק און ער גייט אַוועק אויף דעם פראָנט, לאָזנדיק די פרוי מיטן קליינעם קינד אַליין. יורי, וואָס הייסט שוין ד"ר זשיוואַגאָ, זייט 1912, גייט אין 1914 אויך אַוועק אויף דעם פראָנט, אַלס מעדיקער. פאַר דעם אַוועק־גיין געבוירט אים טאָניאַ אַ ייִנגעלע סאַשענקאַ, וועלכן ער באַ־וויזט מער צו הערן ווי צו זען. פּאַשאַ ווערט פאַרפאַלן אויף דעם פראָנט און לאַראַ פאָרט אים זוכן. זי איבערצייגט זיך, אַז איר מאַן איז אומגעקומען, כאָטש פּאַשאַס פריינט ווילן איר איבער־צייגן, אַז איר מאַן איז געפאַנגען געוואָרן. לאַראַ געפינט זיך אויף דעם פראָנט אין דער נאָענטקייט פון דר. זשיוואַגאָ, אָבער זיי באַמערקן זיך ניט און מיידן זיך אויס. זיי טרעפן זיך ערשט שפּעטער, ווען דער לאַזאַרעט ווערט אַריבערגעפירט אין דעם שטעטל מעלאָזעעוו, וווּ זשיוואַגאָ איז מעדיקער און לאַראַ, וואָס הייסט שוין היינט לאַריסאַ פיאָדאָראָווגאַ, איז קראַנקן־שוועסטער.

אַ מערקווירדיקע זאַך: נאָך איידער עס קומט עפּעס פאָר צווישן זשיוואַגאָן און לאַראַ און דער ערשטער דערמאָנט אין אַ בריוו צו זיין פרוי, אַז די דאָזיקע, וואָס האָט געשאָסן אויף קאַמאַראָווסקין און האָט ניט געטראָפן, געפינט זיך אין זעלביקן שפּיטאָל, באַקומט דער דאָקטער אַ בריוו פון טאָניאַן, אין וועלכן דאָס געוויין שטערט דעם געבוי פון די זאַצן און זי פּרוּווט אים איבערצייגן, אַז ער דאַרף זיך ניט צוריקערן קיין מאָסקווע, נאָר גלייך פאָרן אין די אוראַלן מיט אָט דער (קראַנקן) שוועסטער, מיט וועלכער זי, אַ שטילע און אַ באַשיידענע קאָן זיך ניט גלייכן. „וועגן סאַשענקאַן — האָט זי אים געשריבן — און זיין צוקונפט זאָלסטו זיך ניט באַומרויקן. דו וועסט זיך ניט דאַרפן מיט אים שעמען. איך זאָג דיר צו אים צו דערציִען, לויט די דאָזיקע געזעצן, וועמענס מוסטער דו האָסט ייִנגלווייז געזען ביי אונדז אין שטוב". און כאָטש זשיוואַגאָ וואַרפט צוריק אַלע חשדים, דערקלערט ער זיך גאָר אינגיכן לאַראַן אויף אַ זייער אייגנאַרטיקן אופן, אָבער זי וואַרפט אים אָפּ, כאָטש זי האָט אים אויך ליב, שיקט אים צו פרוי און קינד און אַליין פאָרט זי

אוועק. דר. זשיוואַגאָ פֿאָרט אַהיים אַ באַנייטער. ער האָט אין זיך דאָס נייע פֿון דער מלחמה, בלוט און שוידערלעכקייטן, דאָס נייע איז אויך געווען די נסיונות, די רעאַליסטישע חכמה, וואָס די מלחמה האָט געלערנט, די רעוואָלוציע, וואָס איז ניט געווען אַזוי אידעאַליזירט, ווי די רעוואָלוציע פֿון 1905.

און דר. זשיוואַגאָ קומט אַהיים אין מאָסקווע און טרעפֿט אומרו, גרויקייט, מאַנגל און אַ סביבה פֿון אומצוטרוי. ניט מיט יעדן קען ער ריידן, ניט מיט יעדן וויל ער שמועסן. מענטשן, וואָס דיסקוטירן פּאַטעטיש, קען ער ניט פֿאַרטראָגן. ער איז איינזאַם, כאָטש ער האָט די פֿרוי, דעם קליינעם זון און די צוויי חברים ניקאַ דודוראָוו און מישאַ גאָרדאָן. און עס גייט דורך דער גאַנצער גרויל פֿון אַ ווינטער אָנהייב רעוואָלוציע אין מאָסקווע, מיט הונגער, קעלט, נויט. ד״ר זשיוואַגאָ ווערט קראַנק אויף טיפֿוס. ער זעט סימבאָלישע מלחמות. ער שרייבט אין חלום מער ווי אין דערווירקלעכקייט. ער „שרייבט” די דאָזיקע זאַכן, וואָס ער האָט געחלומט אָנצושרייבן. עס באַווייזט זיך אים אין וועג זיין ייִנגערער ברודער, וועלכן ער דערקענט ניט. יעווגראַף זשיוואַגאָ הייסט דער ברודער. ער איז אַ בריה צו קריגן אַלץ. ער ברענגט ווייס ברויט, טיי, צוקער, פּוטער, קאַווע. גיט קיין רעאַלע זאַכן אין יענער צייט.

טאַניאַ האָט שטענדיק געהערט פֿון איר מוטער וועגן וואַריקינאָ, אין דרום, וווּ מען האָט געלעבט עפּעס ווי אין אַ גן עדן, פֿאַרטראַכט זי אַריבערצופֿאָרן אַהין. אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע, סוף ווינטער, אָנהייב פֿרילינג. יורי אַלעקסאַנדראָוויטש איז קעגן דעם פֿאָרן, אָבער ער גיט זיך אונטער. און דאָס פֿאָרן איז אַן אָדיסעע. אויף דעם וועג פֿאַרהאַלט מען זשיוואַגאָן און עס פֿעלט אַ קלייניקייט מען זאָל אים אַרעסטירן. אַ קאָמוניסטישער קאָמאַנדאַנט מיטן נאָמען סטרעלניקאָווע האָט מיט אים אַן אומרויקן שמועס און באַפֿרייט אים. טאַניאַ האָט אויסגעפֿירט אירס. מען איז אָנגעקומען קיין וואַריקינאָ, זיך דאָרט איינגעאָרדנט. דר. זשיוואַגאָ וויל דאָרטן ניט פּראַקטיצירן קיין מעדיצין. ער נעמט דאָך אויף קראַנקע. און ער שרייבט. ער איז גליקלעך, וואָס ער אַרבעט פֿאַר זיך, פֿאַר דער פֿאַמיליע. ער חלומט פֿון אָנשרייבן אַ מאָנומענטאַל ווערק. אים דאַכט זיך, אַז טאַניאַ איז אויף דער צייט. זי לייקנט דאָס. ער איז פֿאַרקילט, הוסט אונטער, עס באַווייזט זיך אים צום ערשטן מאָל דער אָנהייב פֿון זיין האַרץ-קראַנקייט. די אַרטאַ איז ביי אים ניט אין דער אָרדענונג. אָבער ער איז דאָך שעפֿעריש. אַפֿילו די פֿאַרצייכע-

נונגען, וואָס ער מאַכט אין טאָגבוך, זיינען ווערטפּול און אינ־טערעסאַנט.

און אין וואַריקינאַ געפינט זיך דעמאָלט אויך — לאַראַ. די דאָזיקע פרוי ווערט ממש זיין גורל. און ער זעט זי מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן. זי איז ניט צופרידן, וואָס זי איז אַזוי שיין און זי געפעלט אַזוי די מענער און זי טוט אַלצדינג, אַז זי זאָל ניט זיין שענער און דאָס דאָזיקע מאַכט זי צענפאַכיק שענער. ער טרעפט זי צום ערשטן מאָל אין ביבליאָטעק, וווּ זי זיצט און לייענט און ער קוקט ווי נאַטירלעך זי טוט עס. גלייך זי וואָלט געטאָן אַ זאַך, וואָס חיות קענען עס אויך באַווייזן. אַלציינגס, ווי זי וואָלט געשעפּט וואַסער, אָדער געראַומט די שטוב. און ווען ער טרעפט זי דערנאָך ביי זיך אין דער שטוב, ווו זי טראָגט וואַסער, וואַשט, פּרעסט, קאָכט, בלייבט זי אַלץ מיט איר געהויבענער שיינקייט.

און אויב אין מעלאָזעוו איז גאָרניט געשען צווישן זשיוואַגאָן און לאַראַן, איז אין וואַריקינאָ שוין געשען אַלץ. זיי זיינען גע־וואָרן געליבטע אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן. און שיר־השירימדיק איז די ליבע צווישן זיי. די אָרעמקייט, די נויט, די פּוסטקייט אין די צימערן, ווו מייז ווילדעווען, ווערן אַ גן עדן. אָבער יורי פילט זיך זינדיק פאַר זיין פרוי, וועלכע ער נאַרט אָפּ. ער ליידט דערפון. ער באַשליסט זיך שוין מתוודה צו זיין פאַר דער פרוי און בעטן זי זאָל אים מוחל זיין און איבעררייסן מיט לאַראַן אויף שטענדיק. ער דערציילט וועגן זיין געליבטער, וועלכע וויל אים ניט ערגערן. טרערן רינען איר איבער די באַקן, אַזוי ווי דאָס וואַסער פון רעגן, וואָס איז געגאַנגען אינדרויסן, האָט גערונען איבער די פיגורן פון אַנטקעגן און זי זאָגט אים אויפריכטיק, אָן קיין שום אָנשטעל: „טו. אַזוי ווי ס'איז בעסער פאַר דיר, רעכן זיך ניט מיט מיר. איך וועל אַלץ איבערקומען". ער לייגט אָפּ דאָס געזעגענען זיך, בכדי צו קענען זען לאַראַן נאָך איין מאָל און גייענדיק צו איר, ווערט ער סעקוועסטרירט פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. ער דערהערט אַ שאָס לעבן זיך און מען הייסט אים ער זאָל זיך ניט רירן, אויב ער וויל ניט דערשאָסן ווערן. זיי דערציילן אים, אַז ביי זיי איז דער פעלדשער דערהרגעט געוואָרן און זיי מוזן אים מאָביליזירן, ווי אַ מעדיצינישן אַרבעטער. די פרוי זיינע, די גוטע, שטילע טאָניאַ, האָט אויסגעמיטן די טראַגעדיע.

און ד"ר זשיוואַגאָ איז אַ לאַנגע צייט געווען צווישן די פּאַרטיזאַנער. אים איז אויסגעקומען אויך זיך צו באַטייליקן אין שלאַכטן. ווי ער האָט ניט געוואָלט שיסן, האָט ער דאָס צומאָל

געמוזט טאָן, בכדי זיך אַליין ניט צו שטעלן אין סכנה. ער האָט געזען אַ היפּש ביסל רשעותן מצד „זיינע" פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געווען, נאַטירלעך, באָלשעוויקעס. אייניקע רשעותן זיינען מסתמא געווען אומפאַרמיידלעכע. ער האָט אָבער געקוקט בלויז מיט אויגן פון אַ הומאַניסט, האָט אין אים געוויינט דאָס האַרץ, ווען ער האָט געזען, ווי מען דערשיסט גאָר יונגיטשקע געפאַנגענע, וואָס בעטן גנאָד אין נאָמען פון זייערע מאַמעס. ער האָט געפילט מידקייט, אָנקומענדיקע קראַנקייט און ער האָט זיי באַזיגט אין זיך. ער באַקומט אַ גרוס פון וואַריקינאָ. זיינע זיינען דאָרט ניטאָ. ער פילט אַז לאַראַ איז דאָרט יאָ פאַראַן און ער לאָזט זיך צו איר.

יורי בלייבט אַ לאַנגע צייט מיט לאַראַן און מיט איר טעכטערל קאַטינקאַ. ער איז גליקלעך, וואָס ער ווייסט, אַז טאָניאַ, סאַשענקאַ און דער שווער זיינער, זיינען אַוועק קיין מאָסקווע. ער זעט זיי כסדר אין זיינע חלומות. ער איז מיד און ער ווערט קראַנק. ער באַזיגט די קראַנקייט. ער איז גליקלעך מיט לאַראַן און טראַכט וועגן טאָניאַן, וואָס האָט געדאַרפט געבוירן נאָך אַ קינד. ווו האָט זי דאָס געבוירן? לאַראַ דערציילט אים, אַז איר פּאַשאַ איז דער באָלשעוויסטישער קאָמאַנדאַנט סטרעלניקאָוו. זי האָט אים נאָך אַלץ ליב, כאָטש זי קען זיך מיט אים ניט איינפאַרשטיין. זשיוואַגאָ איז אויף פּאַשאַן ניט אייפערזיכטיק, ער איז אייפערזיכטיק אויף קאָמאַראָווסקין, אויף דעם אַלטן פוקס, וואָס האָט זי פאַרפירט. ער פילט, פאַרשטייט און ווייסט, אַז ביי דער גאַנצער שנאה צו אים איז ביי איר פאַרבליבן אויך אַ ליידנשאַפט צו אים. און זיי זיינען ביידע גליקלעך, כאָטש זיי געפינען זיך ביידע ביים ברעג פון תהום און פון אומבאַוווסטן און כאָטש זיי געהערן ביידע ניט צו זיך.

און דער אַלטער פוקס וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש קאָמאַראָווסקי באַווייזט זיך ווי אַ רעטער... ער דערציילט זיי ביידן, אַז זיי זיינען אין אַ סכנה און ער וויל זיי אַוועקפירן קיין וולאַדיוואָסטאָק, ווו עס איז דערווייל פאַראַן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. זשיוואַגאָ, וואָס פילט אַ שנאה צו קאָמאַראָווסקין, וויל דערפון ניט הערן, אָבער דער אַלטער מנוול ביטרעוועט אים איבער. ער דערציילט, אַז לאַראַס מאַן, פּאַשאַן, האָט מען שוין דערשאָסן און אַז איר דראָט אויך אַ סכנה. און אויב ער וויל ניט מיטפאָרן און זי אָן אים וועט געוויס ניט פאָרן, זאָל ער איר פאַרזיכערן, אַז ער וועט נאָכקומען. און ער פאָלגט אים. און באַלד ווי קאָמאַראָווסקי איז אַוועק מיט לאַראַן און קאַטיענקאַן, דערפילט ד"ר זשיוואַגאָ, אַז ער האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן, אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט. ער טראַכט איצטער איין געדאַנק: קיין מאָסקווע צו די אייגענע.

און ער פֿאַלט אַ מידער און פֿאַרצווייפֿלטער ביים אויסגעלײדיקטן בעט פֿון לאַראַן. און ווען ער כאַפּט זיך אויף, זעט ער אין ײַזטוב אַ שטאַרקן, שלאַנקן שיינעם מאַן, אין אַ פּוטערנעם רעקל און פּוטערנע הויזן. דאָס איז סטרעלניקאָוו — לאַראַס מאַן פּאַשאַ. זיי ריידן פֿיינלעך, שווער. זשיוואַגאָ איז אַמאָל מיט זיין לעבן געווען אין פּאַשאַס הענט... נאָך אַ לאַנגן שמועס, פֿון װעלכן פּאַשאַ דערוויסט זיך, אַז לאַראַ האָט אים אויך איצטער ליב און פּאַשאַ דערציילט, אַז צוליב לאַראַן האָט ער געלערנט אין אוניווערזיטעט, איז געוואָרן אַ לערער, איז געגאַנגען דינען און זיין גאַנץ לעבן איז געווען פֿאַר איר, גייט פּאַשאַ אַרויס אין הויף און ער דערשיסט זיך.

ד״ר זשיוואַגאָ קערט זיך אום קיין מאָסקווע אין דער צייט פֿון „נעפּ", (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק). מען האָט דעמאָלט אויף אַ צייט דערלויבט האַנדל, וואָס איז געווען „דער סאַמע צווייי־דייטיקסטער און פֿאַלשסטער פֿון די סאָוועטישע תּקופֿות". ער איז געווען אויסגעדאַרט, פֿאַרוואַקסן, פֿאַרווילדעט, נאָך ערגער, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון דער פּאַרטיזאַנקע. ער איז אָנגעקומען אין אַ פּאַפּאַכע, אין אַן אָפּגעריבענעם שינעל אָן קנעפּ, און ער האָט ניט אויסגעזען אַנדערש ווי די שמוציקע רויט־אַרמייער, מיט וועלכע די בולוואַרן זיינען געווען פֿול. די זייניקע האָט ער שוין דאָרטן ניט געטראָפֿן. מען האָט זיין שווער מיט זיין פֿרוי און קינדער, זיין פֿעטער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש און אַ גאַנצער ריי אָנגעזעענע פֿירער פֿון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, דערלויבט אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד. די ערשטע צייט האָט ער געשריבן און אַרויסגעגעבן קליינע ביכלעך, וואָס האָבן אַנטהאַלטן זיין פֿילאָזאָפֿיע און זיין מעדיציניש קוק. זיי זיינען געשריבן געווען צוגעגנגלעך און דאָך ניט ביליק־פּאָפּולאַריזאַטאָריש און מען האָט זיי געשעצט. דאָך האָט זשיוואַגאָ געפֿילט, אַז מען שרעקט זיך פֿאַר אים און מען טרייסלט זיך אָפּ פֿון אים, ווי פֿון אַ געפֿערלעכן באַקאַנטן. און ער דערשלעפּט זיך צו די ערטער, וווּ ער האָט אַמאָל געוווינט, קומט אָן צו אַן אַלטן אָרעמען באַקאַנטן, מאַרקעל, וואָס איז היינט, ווי אַ פּראָלעטאַריער, אין די פֿעדערן. מאַרקעל ווייסט ווער ער איז, העלפֿט אים, שיקט אים די יינגסטע טאָכטער, מאַרינאַ, אַ גאַנצע געלערנטע, אַ טעלעגראַפֿיסטקע, אַז זי זאָל אים באַדינען. און מאַרינאַ איז אַזוי לאַנג געגאַנגען צו אים, ביז זי איז איין מאָל שוין ניט צוריקגעקומען צו די עלטערן. זי איז געוואָרן ד״ר זשיוואַגאָס דריטע, ניט־רעגיסטרירטע פֿרוי. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער. מאַרינאַס מוטער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל חתונה האָבן פֿאַר יורין, דער פֿאָטער האָט געזאָגט, אַז אַזוי

לאַנג טאַניאַ לעבט, טאָר ער דאָס ניט טאָן. פאַר אים איז געווען אַ געוואונדיקער טריומף, וואָס זיין טאָכטער איז די אומגעזעצלעכע פרוי פון ד"ר זשיוואַגאָ...

די יוגנט-פריינט יוריס, דודוראָוו און גאָרדאָן, וואָס האָבן געהערט צום קרייז פּראָפעסאָרן —כאָטש דודוראָוו האָט זיך ניט לאַנג אומגעקערט פון פאַרשיקונג— איז ניט געפעלן ווי ער לעבט און זיי האָבן אים געפּרווט אַרויפירן אויף דעם בעסערן וועג. ער זאָגט זיי, אַז ער קען ניט ליידן זייער „פּאָליטישן מיסטיציזם" און ער אַנטלויפט פון זיי און ער אַנטלויפט שוין אויך פון מאַרינאַן און פון די קינדער און ער פאַרשווינדט אויף אַ צייט. מאַרינאַ חלשט און זי פאַלט אַריין אין אַ פאַרצווייפלטקייט. די צוויי פריינט זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון דער אומגליקלעכער מאַרינאַ און זיי האָבן אים אַרומגעזוכט. און יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך געפונען ניט ווייט. זיין ברודער יעווגראַף איז פּלוצים אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל און אים איינגעאָרדנט און געגעבן אַ גרויסע סומע געלט פאַר מאַרינאַן. ער האָט גענומען ברענגען אין אָרדענונג זיינע שריפטן. ער האָט דורכגעלייענט זיינע לידער, זיינע אַרטיקלען, זיינע פאַרצייכענונגען. ער האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. איין מאָל איז ער געפאָרן צו דער אַרבעט און ער איז אַריין אין אַ צרה'דיקן טראַמוויי-וואַגאָן, וווּ ער האָט געקראָגן זיין סוף.

דער וואַגאָן האָט זיך פאַרהאַקט, האָט זיך ניט געקענט רירן, האָט פאַרשטעלט אַנדערע דעם וועג, האָט זיך אַ ריר געטאָן און איז ווייטער געבליבן שטיין. ער האָט געזען פאַרבייגיין אַן עלטערע דאַמע, וואָס דער טראַמוויי האָט געהאַט אַריבערגעיאָגט. דערנאָך, אַז דער וואַגאָן איז געבליבן שטיין, האָט זי דעריאָגט דעם טראַמוויי. ער האָט געפילט אַ ניט-גוטקייט און געפּרווט שלעפּן ביי די לעדערנע רימענעס צו עפענען דאָס פענצטער. מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די ראַם איז צוגעשרויפט, אָבער באַהערשט פון אַן אַלאַרם, האָט ער זיך ניט צוגעהערט צו די געשרייען. ער האָט געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג און געגעבן אַ שטאַרקן שלעפּ און ער האָט דערפילט, ווי אינעווייניק אין אים האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך אָפּגעטאָן גורלדיקס און אַז אַלץ איז פאַרלוירן. ער האָט נאָך באַוויזן זיך דורכשלעפּן דורך דעם אויפגערעגטן המון פּאַסאַזשירן ביז צו דער טיר און ער איז אַרויסגעשפּרונגען און געפאַלן טויט. די פאַרבייגייענדיקע דאַמע איז געווען אַן אַלטע באַקאַנטע זיינע, וועלכע איז שוין געווען אַן עלטערע פרוי, ווען ער איז נאָך געווען יונג...

מען האָט דעם טויטן געבראַכט אין זיין לעצטער וווינונג אויף דער קאָמערהערסקער גאַס. די פריינט זיינען געקומען צו לויפן. מאַרינאַ איז האַלב-משוגע צוגעפאַלן צו זיין קערפּער. דעם צווייטן טאָג האָט זיך אַלץ באַרויקט און אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון דערשלאָגנקייט. מער ווי אַלע איז געווען דערשלאָגן אַלץ מאַרינאַ און לעבן איר די צוויי חברים ד"ר זשיוואַגאָס — גאָרדאָן און דודוראָוו. צוויי מענטשן זיינען געווען צווישן דעם גרויסן עולם, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַלע מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס בלויז צו דער צוגרייטונג פון דער לוויה. אַ מאַן מיט אַ פרוי זיינען זיי געווען אַ מאַן מיט שמאָלע קירגיזישע אויגן און אַ פרוי, אָן מי אַ שיינע. דאָס איז געווען דער ברודער יעווגראַף אַנדרייעוויטש און — לאַראַ. זיי האָבן עס געמאָלדן, אַז אין אָוונט וועט פאָרקומען די קרעמאַציע. די פּאַפּירן זיינען נישט געווען אין אָרדענונג. דאָס אַרבעט-ביכל איז געווען עובר, דאָס סינדיקאַטן ביכל איז ניט געווען באַנייט, יאָרנלאַנג איז ניט געווען באַצאָלט קיין מיטגליד-שטייער; דערפאַר האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז מען האָט געקראָגן די דערלויבעניש פאַר קרעמאַציע. יעווגראַף האָט געבעטן לאַראַן, אַז זי זאָל ניט פאַרשווינדן נאָך דער קרעמאַציע. ער וויל ברענגען אָרדענונג אין די שריפטן פון ברודער און זי ווייסט דאָ מסתמא מער ווי אַלע. לאַראַ דערוויסט זיך ערשט דאָ, אַז איר מאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין מאַריקינאַ, נאָך אַ שמועס מיט יורין. יעווגראַף דערציילט איר דאָס אַזוי זיכער אין נאָמען פון זיין ברודער, אַז ביי איר בלייבט אין דעם קיין שום ספק ניט. זי זאָגט דאַנקען גאָט, וואָס איז אַזוי געווען און זי צלמט זיך איבער. מען פאַרברענט יורין און מען ברענגט אים ניט צו קבורה, בכדי מאַרינאַ, די אלמנה זיינע זאָל ניט ליידן... לאַראַ דערפילט, אַז ביי איר ענדיקט זיך. פּונקט ווי ד"ר זשיוואַגאָ האָט געהאַט דריי ווייבער, האָט זי געהאַט דריי מענער, איז איינער געשטאָרבן, איינער האָט זיך גענומען דאָס לעבן און נאָר דער, וואָס מען וואָלט אים געדאַרפט דערהרגענען לעבט. דאָס איז וויקטאָר איפּאַליטאָוויטש, וואָס האָט זי און זשיוואַגאָן אָפּגענאַרט און ער האָט זי ווידער געוואָלט קריגן.. און זי פילט אויך איצטער, ווי אַנדערש די ליבע איז געווען צווישן איר און יורין. „אַ פרייע ליבע, ניט קיין געוועזענע, אויף גאָרניט ענלעכע". „זיי האָבן ליב געהאַט איינם דאָס אַנדערע ניט ווייל זיי האָבן געמוזט, ניט קיין אָנגעצונדענע מיט ליידנשאַפט". „זיי האָבן זיך ליב געהאַט, ווייל אַזוי האָט געוואָלט אַלץ פון אַרום: די ערד אונטער זיי, דער הימל איבער זייערע קעפּ, די כמאַרעס און די ביימער. זייער ליבע איז געפעלן די אַרומיקע

אפשר נאָך מער ווי זיי אַליין". זיי האָבן שטענדיק געפילט ניט נאָר זיך אַליין, נאָר די גאַנצע וועלט.

דעם טויטן קערפּער האָט מען אַוועקגעטראָגן. לאַריסאַ פּיאָ-דאָראָוונאַ איז געזעסן עטלעכע טעג אין צימער פון נפטר. זי האָט אָנגעהויבן די אַרבעט פון ברענגען אַ סדר אין די שריפטן, אָבער ניט פאַרענדיקט. לאַראַ איז איין מאָל אַוועק פון צימער און איז שוין ניט צוריקגעקומען. ווייזט אויס, אַז מען האָט זי אַרעסטירט אויף דער גאַס און זי איז אָדער געשטאָרבן אָדער ערגעץ פאַרפאַלן אין אַ „נומער" פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן אין צפון.

דערמיט ענדיקט זיך פאַקטיש דער אינהאַלט פון ב. פּאַס-טערנאַקס „ד"ר זשיוואַגאָ", אָבער עס איז פאַראַן אַן עפּילאָג. אין עפּילאָג זעען מיר זשיוואַגאָס צוויי חברים דודוראָוו און גאָרדאָן אין 1943. מיט זיי איז פאַראַן אַ מיידל טאַניאַ, וואָס האָט גוט געקענט דודוראָווס העלדישע כלה. זי אַליין שטאַמט פון — קיינעם ניט. זי איז דערצויגן געוואָרן אָן עלטערן, אַן הפקר. אַ „בעזפּריזאָרנע". דודוראָוו באַמערקט, אַז טאַניאַ האָט אַ מאַניר צו לאַכן מיטן גאַנצן פּנים, אַזוי ווי יורי. זי איז דער זעלביקער טיפּ, וואָס ער. זי דערציילט, אַז דער גענעראַל מאַיאָר זשיוואַגאָ האָט זי גערופן בכדי ביי איר זיך צו דערוויסן פּרטים וועגן איר העלדישער חברטע און פון דעם, וואָס זי דערציילט, איז אַרויס-געקומען, אַז זי שטאַמט פון דער „ווייסער" (ניט רויט באָלשע-וויסטישער) מאָנגאָליע. זי האָט געהערט, אַז איר מאַמע איז גע-ווען ראַיסאַ קאָמאַראָוואַ, די פרוי פון אַ געוועזענעם מיניסטער קאָמאַראָוו, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין מאָנגאָליע. ער איז ניט געווען איר טאַטע. ער האָט געצוווּנגען איר מוטער זיך איבער-געבן צו פּויערים... קאָמאַראָוו איז ניט קיין אַנדערער ווי דער מנוול וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש קאָמאַראָווסקי און ראַיסאַ איז לאַראַ. טאַניאַ איז די טאָכטער פון לאַראַ און דר. זשיוואַגאָ. איידער לאַראַ האָט פאַרלאָזט ס'לעצטע מאָל יורין, האָט זי אים געוואָלט זאָגן, אַז זי איז שוואַנגער, אָבער זי האָט עס ניט באַ-וויזן און ער האָט דאָס דאָך געוווּסט. יעווגראַף זשיוואַגאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז טאַניאַ איז זיין פּלימעניצע און ער האָט גענו-מען זאָרגן פאַר איר.

אין 5, אָדער 10 יאָר אַרום, אין אַ שטילן זומערדיקן אָוונט, זיינען גאָרדאָן און דודוראָוו ווידער געזעסן אינאיינעם און גע-בלעטערט דאָס העפט פון יורים באַשרייבונגען, וואָס זיין ברו-דער יעווגראַף האָט צונויפגעשטעלט. זיי האָבן דאָס העפט אַ סך

מאָל געלייענט און אַ העלפט געקענט אויסווייניק. אין מיטן לייענען איז געוואָרן טונקל און זיי האָבן געדאַרפט אָנצינדן אַ לאָמפּ. און מאַסקווע האָט זיי אויסגעוויזן איז ניט דאָס אָרט פון די אַלע געשעענישן, נאָר די הויפּט-העלדן פון דער לאַנגער דערציילונג. כאָטש די באַפרייונג און דאָס ליכטיק ווערן, אויף וועלכן מען האָט דערוואַרט, זיי זאָלן קומען אייניגעם מיטן זיג, זיינען ניט געקומען, האָט דער אָנזאָג פון דער פרייהייט זיך געטראָגן אין דער לופטן אַלע נאָכמלחמהדיקע יאָרן (נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה. י. ב.). די פּאַרעלטערטע צוויי פריינט האָבן געגלייבט, אַז די פרייהייט פון דער נשמה איז געקומען און דווקא אין יענעם אָוונט האָט זיך די צוקונפט צעלייגט ממשות־דיק אויף די גאַסן און זיי אַליין זיינען אַריין אין אָט דער צו־קונפט און זיי וועלן שוין אין איר בלייבן. „אַ גליקלעכע און באַגנעדיקטע באַרויקונג פאַר אָט דער הייליקער שטאָט, פאַר דער גאַנצער ערד, פאַר די באַטייליקטע אין אָט דער געשיכטע און זיינע קינדער, וואָס האָבן דערלעבט דעם דאָזיקן אָוונט, האָט זיי אַרומגענומען מיט אַ ניט געהערטער מוזיק פון גליק, וואָס האָט זיך צעגאָסן ווייט אַרום. און דאָס ביכל אין זייערע הענט האָט ווי געוווּסט דאָס אַלץ און געגעבן זייערע געפילן אַן אונטערשטי־צונג און אַ באַשטעטיקונג".

דערמיט ענדיקט זיך דאָס ווערק „ד"ר זשיוואַגאָ" פון ב. פּאַסטערנאַק, צו וועלכן עס קומען 25 לידער, אין וועלכע עס קומען צום פּאָעטישן אויסדרוק דעם העלדס איבערלעבונגען, גע־פילן און געדאַנקען. מיר שיינט, אַז די פולסטע אייגענע כאַראַק־טעריסטיק גיט ד"ר זשיוואַגאָ- פּאַסטערנאַק אין דעם 19טן ליד (זייטן 557-8) „אויפגאַנג" (ראַזסוועט). אין אָט דעם ליד זינגט ער, אַז אים ווילט זיך צו מענטשן, צום המון, צו זייער פרי־מאָרגן-אויפלייזונג. ער איז גרייט אַלע צו צעטראָגן און אַלע שטעלן אויף די קני. ער לויפט אויף דעם לייטער, גלייך ווי ער גייט צום ערשטן מאָל אַרויס אויף אָט די גאַסן אין שניי און מיט די אָפּגעשטאָרבענע טראָטואַרן. אומעטום שטייט מען אויף; פייערן; רו; מען טרינקט טיי, מען איילט זיך צו די טראַמווייען. אין משך פון עטלעכע מינוט איז דאָס אויסזען פון דער שטאָט ניט צו דערקענען. אין די טויערן בינדט דער שטורעם אַ נעץ פון די געדיכטע פאַלנדיקע שטיקער שניי און בכדי אָנצוקומען אין צייט לויפן אַלע ניט-דערעסן און ניט-דערטרונקען.

איך פיל פאַר זיי אַלע,
גלייך איך וואָלט געווען אין זייער פעל.
איך צעגיי אַליין, ווי עס צעגייט דער שניי,

איך אַליין כמורע, ווי דער פרימאָרגן, די ברעמען.
מיט מיר זיינען מענטשן אָן נעמען,
ביימער, קינדער, היימזיצער.
איך בין פון זיי אַלע באַזיגט
און נאָר אין דעם באַשטייט מיין ניצחון..

אַ סך פון די לידער זיינען געשריבן דורכוים אין קריסטלעכן גייסט. און כאָטש זיי זיינען געשריבן קלוימערשט פון דעם העלד, זיינען זיי דורכוים פּאַסטערנאַקס, און עס איז אין זיי ניכר, אז דער ייד פון אָפּשטאַם איז א קריסט אין די איבערצייגונגען און געפילן און ער אָפּערירט מיט די אימאַזשן פון דער עוואַנגעליע, ווי מיט עפּעס אייגנס.

— 4 —

דער אידעישער תוך

עס איז נישט נייטיק צו דערווייזן, אַז „ד״ר זשיוואַגאָ״ האָט אַן אַנטי-קאָמוניסטישן תוך. דאָס ווערק איז קאָנצענטרירט אויף דעם הויפּט-העלד יורי אַנדרייעוויטש זשיוואַגאָ און אויף זיין געטרייסטן און שענסטן ווייבלעכן שאָטן לאַראַ און אויף זיינע ווייטערע שאָטנס, זיינע יוגנט-פריינט ניקאַ דודוראָוו און מישאַ גאָרדאָן און זיי זיינען אַלע אַנטי-קאָמוניסטן. פאַר יעדן פון זיי איז דער מאַרקסיזם „נישט קיין וויסנשאַפט״. „דער מאַרקסיזם באַהערשט זיך אַליין צו ווייניק, אַז ער זאָל זיין אַ וויסנשאַפט״. אַלע הערשנדיקע מאַרקסיסטן האָבן בלויז זיך אין זינען און די אייגענע הצלחה און „זיי קערן זיך מיט אַלע כוחות אָפּ פון אמת״. (זע: ז״ז 267-268).

יעקב גלאַטשטיין אין זיין לענגערער אַרבעט וועגן „ד״ר זשיוואַגאָ״ (אין אָקטאָבער - נומער „צוקונפט״, 1958) פּרוווט דערווייזן זשיוואַגאָס אַנטי - קאָמוניזם מיט דעם, וואָס ווען דער הויפּט - העלד געפינט זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיזאַנקע, וויל ער נישט שיסן אויף די קעגנער און דערמיט שטעלט ער די גאַנצע זאַך אין סכנה. אוודאי איז דאָס דאָזיקע אויך אַנטי-באָלשעוויזם, אָבער נאָך מער איז עס נאַיווער הומאַניזם, פון וועלכן דער העלד באַפרייט זיך, ווען ער דערפילט די סכנה. פאַראַן אַ סך בולטערע אַנטי-קאָמוניסטישע שטעלן. דער „נעפּ״-פּעריאָד איז די פאַלשקייט אַליין (זייט 477). די קאָלעקטיוויזאַציע איז געווען „אַ ליגנערישער נישט איינגעגעבענער מאָסמיטל״ און ווייל מען האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם אייגענעם פעלער, האָט מען געפּלאָגט, געמשפּט מענטשן און זיי געצוווּנגען אָנעמען דעם ליגן פאַר אַן אמת. (זייט 519).

דאָס ווערק איז פול מיט אפאָריזמען און שאַרפע ווערטער קעגן באָלשעוויזם, וועלכן יורי רופט אָן „גרויסאַרטיקע כירורגיע". וואָס „כמעט אויף איין מאָל אויסשניידן די אַלטע שטינקענדיקע ווונדן". ווען מען וואָלט איינעם פאַרגעבן די אויפגאַבע צו באַשאַפן אַ נייע וועלט, וואָלט ער געוואָרט, אַז פריער זאָלן זיך פאַרענדיקן די אַלטע צייטן און דאָס לעבן אַליין זאָל עס טאָן. (ז"ז 198-199). דודוראָוו זאָגט, אַז עטלעכע מאָל איז שוין געשען אין דער געשיכטע, אַז דאָס אידעאַל-פאַרטראַכטע און דערהויבענע איז פאַרגרעבט געוואָרן, ווען מען האָט דאָס פאַרווירקלעכט. אַזוי איז גריכנלאַנד געוואָרן רוים, אַזוי איז די רוסישע אויפלויכטונג געוואָרן די רוסישע רעוואָלוציע. און ער גיט צו דאָס באַרימטע וואָרט פון רוסישן דיכטער אַלעקסאַנדער בלאָק, דעם מחבר פון „צוועלף": „מיר זיינען קינדער פון די שרעקלעכע יאָרן רוסלאַנדס". (זייט 530). יורי זאָגט, אַז פון גאַנץ רוסלאַנד איז אַראָפגעריסן געוואָרן דער דאַך און אַלע זייַנען אונטער דעם פרייען הימל. אַ פרייהייט, וואָס איז געקומען אומגעריכט, אַ פרייהייט, וואָס איז געקומען פון פאַרצווייפלונג און מיספאַרשטענדעניש. (ז"ז 147 - 148).

אָבער עס איז ניט נויטיק צו ברענגען אַזויפיל ציטאַטן. דאָס גאַנצע ווערק ווייזט, ווי די רעוואָלוציע, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער (ערשטער וועלט-) מלחמה, האָט בלויז געבראַכט, חרוב און קראַנק געמאַכט און ניט גאַנץ געמאַכט, ניט געבויט און ניט געהיילט. בעת די אַנטיקאָמוניסטן יורי און לאַראַ זיינען אויסגעשפּראָכענע פּאָזיטיווע העלדן און דודראָוו און גאָרדאָן זיינען דאָס אין אַ געוויסער מאָס אויך, איז קיין איין פּאָזיטיווער קאָמוניסטישער העלד כמעט ניט פאַראַן, אויסער פּאַטוליאַ אַנטיפּאָוו, וואָס ווערט, פריער אָדער שפּעטער, באַזייטיקט. באַרים פּאַסטערנאַק איז ניט קיין ביליקער פּאַמפלעטיסט. ער ווייזט ניט קיין קאָמוניסטן אין אַ טענדענציעז-לעכערלעכער פאָרם. ער האָט ניט קיין איין באָלשעוויק, וואָס זאָל זיין אַזאַ געמיינער און נידעריקער קאַריערִיסט, ווי עס איז דער צאַרישער אַלץ-מאַכער וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש קאָמאַראָווסקי, אָבער קיין אויסגעשפּראָכענעם אידעאַליסט - באָלשעוויק ווייזט ער אויך ניט. יעווגראַף אַנדרייעוויטש, דער יינגערער ברודער פון ד"ר זשיוואַגאָ, וואָס איז אַ באָלשעוויק און ער גרייכט צום ראַנג פון אַ גענעראַל - מאַיאָר, איז ניט קיין דורכויס נעגאַטיווער, אָבער אויך ניט קיין פּאָזיטיווער העלד. און דאָס פּאָזיטיווע אין אים איז — ניט באָלשעוויסטיש, אויב ניט טאַקע אַנטי - באָלשעוויסטיש. ער פאָדערט זיין ברודער, דעם אַנטי-קאָמוניסט ד"ר זשיוואַגאָ און ער טוט פאַר אים דאָס מעגלעכסטע און דאָס

אומעגלעכסטע. און דאָס דאָזיקע איז דאָך פּאַרטייאיש פּאַר־באָטן. אין נאָמען פון דער פּאַרטיי האָט מען דאָך געזונגען:

איז דיין ברודער דיר א שונא,
זאָלסטו מיט אים ניט ווינען...

די הויפּט־טעטיקייט פון יעווגראַפן באַשטייט אין קענען זיך צופּאַסן צו אַלע אומשטענדן און קענען ממש אַרויסשלאָגן וואַ־סער פון א שטיין. דאָס איז זיכער א דורכויס־באָלשעוויסטישע אייגנשאַפט, אָבער דאָס איז ניט דורכויס פּאָזיטיוו. דאָס איז אפשר גאָר אָפּאָרטוניזם און ער טוט דאָס ניט פאַר דער גאַנצער זאַך, נאָר פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע.

און אַז איר ווילט, איז אויך ניט נויטיק דער אַנאַליז פון די הויפּט־העלדן פון בוך, בכדי מען זאָל זיך איבערצייגן, אַז ס'איז ווייט פון ווייזן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין אָ געהויבענעם ליכט. דאָס גאַנצע לעבן אונטער דער רעוואָלוציע גייט קעגן דעם מענטשן. ניט נאָר אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג און פּאַרטיזאַנען־קאַמפּן איז דער מענטש אונטער דער רעוואָלוציע אויף הפקר, נאָר אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן גייט אַלץ קעגן מענטשן. יעדער נייער עקספּערימענט ווערט באַלד דערקלערט ווי אַ געבאָט און ווער עס „זינדיקט" קעגן אים, ווערט אומגעבראַכט. דערנאָך ווערט דער עקספּערימענט אַליין באַזייטיקט...

און דער סך הכול איז דאָך א סך מער טויט ווי לעבן. מען קומט אום מער ווי אין אַלע לענדער. און די דריי הויפּט־העלדן, יורי, לאַראַ און אַנטיפּאָוו־סטרעלאָטשניק, שטייען אויס אַלע שבעי מדורי גיהנום און זיי קומען אום. און וויפל שטייען אויס די דאָזיקע, וואָס בלייבן אַליין. וויפל אַרעסטן, פּאַרשוי־קונגען, דאַכלאָזיקייט, הונגער, מאַנגל, אומעגלעכקייטן זיך צו ווערן קעגן קראַנקייטן.

אין עפּילאָג ווערט געוויזן, אַז פינף, אָדער צען יאָר נאָך 1943, ס'הייסט: דריי, אָדער אַכט יאָר נאָך דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען געזען, אַז די באַפרייונג, וואָס מען האָט דערוואַרט זי זאָל קומען איינינעם מיטן ניצחון, איז ניט געקומען.

אין „זיין" ליד „האַמלעט" זאָגט ד"ר זשיוואַגאָ, אַז אויף אים איז אָנגעשטעלט די פינצטערקייט פון דער נאַכט. אין „זיין" ליד „ערד" ווייזט ער ווי מאָסקווע איז פול מיט מענטשלעכע

צרות, „אַ געמיש פון פייער און שוידער" און ווען פריינט קומען זיך צונויף זייער אוונטן — געזעגענונג, און די פאַרברענגעכצן זייערע — צוואות, בכדי „דער געהיימער שטראָם פון די ליידן זאָל פאַרברענען די קעלט פון דעם „זיין".

און דאָך איז „דאָקטער זשיוואַגאָ" נישט אַזאַ ווערק, פאַר וועלכן אַ רעזשים, וואָס איז אַלט אַריבער 40 יאָר, זאָל זיך דערשרעקן. עס איז נישט קיין ביליקער פאַמפלעט און עס איז נישט קיין קול קורא, קיין רוף צו אויפשטאַנד. עס איז אַ קינסטלעריש־ער לעבן־אמת, וואָס וועט נישט אָפּגעמעקט ווערן. וועט דער טרויעריקער באָלשעוויסטישער עקספּערימענט, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל אומגליקן און אַזויפיל בלוט, זיך דורכזעצן, וועט „דאָקטער זשיוואַגאָ" פאַרבלייבן ווי אַ ווערק, וואָס ווייזט וויפל ליידן דער רוסלענדישער מענטש איז אויסגעשטאַנען, און וועט ער זיך נישט דורכזעצן, וועט „ד"ר זשיוואַגאָ" בלייבן ווי אַ ווערק, וואָס ווייזט ווי טייער דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער עקספּערימענט האָט געקאָסט דעם רוסלענדישן מענטשן. און אין סאַמע תוך האָט דאָך דער היינטיקער הערשער פון ראַטנפאַרבאַנד, דער ה' נ. כרושטשאָוו, אַליין באַשטעטיקט די פעלערן פון סטאַלינס רעזשים, וואָס האָבן געמוזט האָבן אַלס קאָנסעקווענץ — קאַטאַסטראָפאַלע ליידן...

און נאָך עפּעס וועט בלייבן אידעיש אין „דאָקטער זשיוואַגאָ", וואָס וועט קיינמאָל נישט קענען אָפּגעווישט ווערן. עס וועט צוקומען אַ וואונדערלעכע גאַלעריע אינטעליגענץ־טיפּן אין דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור, מענער און פרויען, וואָס הייבן זיך אָן מיט גריבאָיעדאָוון און גייען דורך פּושקין, לערמאָנטאָוו, טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו, טאָלסטאָי, טשעכאָוו און אין אַ געוויסער מאָס — מאַקסים גאָרקי. עס וועלן צוקומען צו אָט דער גאַלעריע, וואָס דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור־קאָמענטאַטאָר אָווסיאַניקאָ קוליקאָווסקי האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין וואונדערלעכן בוך „די געשיכטע פון דער רוסישער אינטעליגענץ", נאָך צוויי וואונדערלעכע העלדן — דאָס זיינען ד"ר יורי אַנדרייעוויטש זשיוואַגאָ, וואָס איז, נישט גאָר גאַנץ קינסטלעריש, ווייל ער איז אין זיין רעאַליטעט צו־קאָמפּליצירט, און לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ גישאַר, וואָס ווערט מאַדאַם אַנטיפּאָווא און בלייבט מיטן פּשוטן קורצן נאָמען לאַראַ. זי איז קינסטלעריש דער גאַנצסטער און פּאָזיטיווסטער מענטש אין בוך. זי איז אַ פרוי אָן אידעאַל. יעדעס פאָלק וואָלט שטאָלצירט צו האָבן אַזאַ פרוי ווי לאַראַ אין זיין ליטעראַטור! בלויז פאַר לאַראַן וואָלט דאָס רוסישע פאָלק געדאַרפט דערהייבן באָריס פּאַסטערנאַקן ביז צו דער

העכסטער הייך. און כאָטש לאָרא איז אידעיש אַנטיבאָלשעוויס־טיש, איז זי אַליין אַזאַ מוסטער פון אַ פרייער, מענטשלעכער פרוי, אַז אַפילו דער קאָמוניזם וואָלט געדאַרפט אַנערקענען איר גרויסקייט.

ווען עמיצער וואָלט זיך געגעבן די מי און גענומען און פאַרגלייכט אַ סך, אַ סך ווערק פון שרייבער אין די ניט־באָל־שעוויסטישע לענדער, וואָס זיינען דערשינען אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט, וואָלט ער אויסגעפונען, אַז אין די אַלע ווערק איז פאַראַן טויזנטפאַכיק מער קריטיק אויף די רעזשימען אין זייערע לענדער און ממש דירעקטע אַגיטאַציע קעגן זיי. און אַ סך פון אָט די ווערק האָבן דאָך געקראָגן אַנערקענונג אין וועלט־מאַסשטאַב און אויך די נאָבעל־פּרעמיע. מען דאַרף ניט אַ מער־טונקל ליכט — און ס'קען אויך ניט זיין מער־טונקל—ווי וויליאַם פאָלקנער ווייזט דאָס לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. און דער דאָזיקער שרייבער האָט באַקומען, די נאָבעל־פּרעמיע און אַמעריקע האָט ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם.

עס דאַרף זיין זייער און זייער ניט אין דער אָרדענונג מיט דעם מלוכה־צושטאַנד אין אַ לאַנד, אויב די מלוכה האָט אויפגעהויבן אַזאַ קאַצניאַמערלעכן געשריי קעגן אַ ווערק מיט אַזאַ מילדער און טיף־מענטשלעכער קריטיק, ווי דאָס איז „דאָק־טער זשיוואַגאָ" פון באָריס פּאַסטערנאַק.

— 5 —

דער קינסטלערישער ווערט פון „ד״ר זשיוואַגאָ״

עס גייט ניט אין שטעלן אַ „נאָטע״ באַרים פּאַסטערנאַקן פאַר זיין „דאָקטער זשיוואַגאָ״. עס גייט ניט אין שרייבן „גוט״, „שלעכט״, „מיטלמעסיק״. פּונקט ווי דער גורל פון אַ ווערק ווערט ניט באַשטימט אין איין צייט, פּונקט אַזוי קען אויך ניט פעסט־געשטעלט ווערן דער ווערט פון אַ ווערק פון היינט אויף מאָרגן. די צייט וועט „דאָקטער זשיוואַגאָ״ שטעלן אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ און מ׳וועט אַמאָל וויסן, צי געהער עס צו די ערשטראַנגיקע פּראָזע־ווערק אין דער רוסישער ליטעראַטור, צי צו די צווייטראַנגיקע. היינט צו טאָג איז דער שטאָף פון ווערק אַ צו־הייסער. מ׳קען צו אים ניט בלייבן אָביעקטיוו. ווען, למשל, טאָלסטאָיס „קריג און פרידן״ וואָלט אָנגעשריבן געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וואָלט כמעט יעדער פראַנצויז זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דעם און יעדער רוס — פּאָזיטיוו. היינט קענען פראַנצויזן זען טאָלסטאָיס גרויס־קינסטלערישקייט און איניקע רוסן קענען אפשר זען געוויסע ניט־גערעכטיקייטן לגבי נאַפּאָלעאָנען ביים גרויסן רוסישן שרייבער. און לגבי „ד״ר זשיוואַגאָ״, איבערהויפּט נאָך די סקאַנדאַליעזע טומלערייען, קען אַ מענטש מיט אַ געוויסן צוגאַנג צו דער וועלט־פּאָליטיק ניט בלייבן אָביעקטיוו. פון דער אַנדערער זייט איז ביי אַ יידישן שרייבער פאַראַן אַ שלעכטער נאָכטעם פון אָט דעם ווערק איבער דעם „ליק־ווידירן״ די רעכט אויף עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק און אויס־פירן, אַז ווייל יידן זיינען אין דער עפּאָכע פון דער עוואַנגעליע ניט געוואָרן אויס פאָלק, זיינען זיי ניט ווערט קיין — רחמנות אַפילו פאַר זייערע ליידן. דאָס דאָזיקע וואָלט דאָך געפּאַסט פאַר אַ פאַנאַ־טישן קאַטאָליקער. עס וואָלט געפּאַסט, אַז אַ פּויפּסט זאָל זאָגן, אַז ווייל יידן האָבן ניט אָנגענומען דאָס קריסטנטום, זיינען זיי ניט

ווערט קיין רחמנות. לאָמיך באַמערקן, אַז מיר גייט ניט טאַקע אין רחמנות. איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרדייען די רחמנות־ליטעראַטור וועגן אונדז, אַ שטייגער, פון דער פּוילישער צער בעלי־חיימניצע עליזאַ אָרזשעשקאָ. מיך האָט קיינמאָל ניט אָנגעוואַרעמט אַ גוט וואָרט, וואָס מען האָט אַרויסגעקוועטשט פאַר יידן ביי דעם, אָדער יענעם גדול. מיך האָט יאָ געוואַרעמט אַ מענטשלעכע באַציונג צו אונדז, ווי אַ שטייגער ביי קאָראָלענקאָן, אָדער גאָרקין, וואָס האָבן אונדז אָקצעפּטירט מיט אונדזערע גוטע און שלעכטע זייטן און האָבן ניט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן האָבן בלויז צדיקים.

אַ ייד האָט פּרוואָס בייז צו זיין אויף דעם קאָשמאַר־פאַלשן צוגאַנג צו אונדזער סאַמע וויטאַליטעט אין פּאַסטערנאַקס „דאָקטער זשיוואַגאָ". אָבער — איך האָב שוין באַמערקט, אַז איך האָב ניט אַזאַ עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו קונסט, ווי יעקב גלאַטשטיין, וועלכער איז גרייט צו פּסלען אַלע ווערק פון די דאָזיקע קינסטלער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטיזם, הגם איך האָב ניט אַזאַ אָביעקטיוון צוגאַנג צו אַזעלכע ענינים, ווי עס האָט דער ספּינאָזיסטישער מלך ראַוויטש.

איך מיין דאָך, אַז איך, ביי דער אָפּשאַצונג פון קינסטלערישן ווערט פון „דאָקטער זשיוואַגאָ", קען פאַרט זיין אין אַ געוויסער מאָס אָביעקטיוו. און אָביעקטיוו גערעדט זאָג איך, אַז „דאָקטער זשיוואַגאָ" איז אין כלל געגומען אַ וווּנדערלעך קינסטלעריש־מענטשלעך ווערק. עס איז געשריבן אָן די קונצן, מיט וועלכע עס זיינען פול, אין אונדזער צייט, אַ סך בעלעטריסטישע ווערק און אָן דער קאַזיאָנער שפּראַך, אין וועלכער עס זיינען געשריבן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן די מערסטע ווערק פון די רוסישע שרייבער. עס איז געשריבן אין אַ שפּראַך, וואָס איז ערטערווייז ליריש, ערטערווייז דראַמאַטיש און אַ סך מאָל אויך פּובליציסטיש, אָבער זי איז שטענדיק ווירקנדיק. זי איז ניט צו־פּראָסט, פּאַס־טערנאַקס שפּראַך, אָבער אויך ניט צו־אינטעליגענטיש. דער מחבר, וואָלט איך געזאָגט, שפּילט פידל, אָבער ער מאַכט קיינמאָל ניט קיין פלאַזשאָלעטן און ער טרייבט ניט צופיל אין סורדין.

געבויעט איז „דאָקטער זשיוואַגאָ" אַזוי, אַז מען דערקענט ניט קיין פינגער, וואָס לייגן די ציגל. די זאַך וואַקסט און שמייגט נאַטירלעך. די האַנדלונג קומט אין אַ גלייכער מאָס פון אינעווייניק און פון דרויסן. די נעשעענישן שטאַמען פון דער פּסיכאָלאָגיע און דער מענטאַליטעט פון די מענטשן און פון די געשעענישן. די מלחמות און די רעוואָלוציע ווירקן ניט ווייניקער ווי די געפילן און די סוביעקטיווע איבערלעבונגען פון די העלדן. אין דער פאָרם

איז פּאַסטערנאַק באַאײַנפֿלוסט, דאַכט מיר, בעיקר פֿון איוואַן טור־געניעוו און טאָמאַס מאַן. די דעסקריפּציע דערמאָנט אין טורגע־ניעוון, די דיסקוסיעס — אין מאַנען. פּאַסטערנאַק איז שוין ניט אַזוי לײַכט, ווי טורגעניעוו. די דיסקוסיעס, וואָס ווערן געבראַכט בײַ אים, זײַנען ניט בלויז בעלעטריסטיק, ווי בײַם מחבר פֿון „פֿאָטערס און קינדער", אָבער נאָך ניט אַזוי טיף פֿילאָזאָפֿיש, ווי בײַם מחבר פֿון „צויבערבאַרג".

פּאַסטערנאַק נייגט אָפּט אָפּ פֿון צענטראַלן וועג און גייט אַוועק אויף זײַטיקע ליניעס, אָבער דאָס דאָזיקע ווערט כּסדר געטאָן מיט דער כּוונה צוריק צו קומען פֿון דער זײַט צום הויפּט־שליאַך מיט עפּעס. ער האָט אַ ריזיקע גאַלעריע טיפּן, וואָס מאַכן לכתּחילה דעם אײַנדרוק פֿון איבעריקע, אָבער זיי קריגן שטענדיק דערנאָך אַ תּיקון. אויב טשעכאָוו זאָגט וועגן אַ פּיעסע, אַז אַ ביקס, וואָס מען זעט אין ערשטן אַקט, מוז אויסשיסן אין דריטן אַקט, קען מען זאָגן מיט דער פֿולער זיכערקייט, אַז בײַ פּאַסטערנאַקן קומט טאַקע אַזוי פֿאָר. אַ מענטש, וואָס באַווײַזט זיך בײַם אָנהייב פֿון ראָמאַן סתּם, קריגט אַ תּיקון און אַ זין אַ סך שפּעטער...

און די מערסטע מענטשן פֿון ראָמאַן ווערן נאָענט דעם לייע־נער. איך אורטייל לויט זיך. אַריבער אַ וואָך נאָך דעם, וואָס איך האָב איבערגעלייענט דאָס ווערק, לאָזן מיך די מענטשן פֿון „זשיוואַגאָ" ניט רוען. איך טראַכט פֿון און מיט זיי, איך חלום פֿון זיי, זייערע לײַדן, פֿרײַדן און געדאַנקען זײַנען מיר אייגן. איך חלום וועגן זיי. און מיר זאָגט אַ סך דער פֿאַקט, וואָס דער הויפּט־העלד חלומט אַזוי אָפּט. דער חלום דערגאַנצט די ווירקלעכקייט. ער מאַכט זי בולט. און אין די חלומות איז יורי אַנדרייעוויטש זשיוואַגאָ, וואָס באַווײַזט דאָך אַ סך פֿעלערן, שטענדיק גוט. ער האָט גוטע געפֿילן צו זײַן פֿרוי, ווען ער זינדיקט קעגן איר. און ער האָט גוטע געפֿילן צו זײַן געליבטער לאַראַ, צו וועלכער ער איז געצווונגען צו זײַן עגאָיסטיש.

און לאָמיך דאָ זאָגן נאָך אַמאָל: די ערשטע פֿרויען־העלדן פֿון ראָמאַן, לאַראַ, איז אַזאַ גרויס פּליוס פֿאַרן ווערק, אַז עס פֿעלן אויס ווערטער. צענדליקער יאָרן איז אין דער וועלט־ליטעראַטור ניט געווען אַזאַ פֿרוי ווי לאַראַ. אין דער „עפּאָכע" פֿון פֿראַנסואַ זאַגאַן, ווען עס ווערט רק געוויזן, ווי פֿרוי איז סעקס און סעקס איז פֿרוי, איז אַ גליק צו קענען אַזאַ פֿרוי, ווי לאַראַ, וואָס איז ניט אַזאַ ווייבלעכע זינלאָזיקייט, ווי, למשל, דוד בערגעלסאָנס מירעלע (אין „נאָך אַלעמען"), זי איז ווייבלעך דורך און דורך, אָבער אויך

מענטשלעך דורך און דורך. ווען יורי זאָגט איר, אַז זי האָט ליב געהאַט איר מאַן און האָט אים ליב ביז איצטער, זאָגט זי אים:

„איך האָב דאָך פּאַר אים חתונה געהאַט, ער איז דאָך מיין מאַן, יוראָלע! ער איז אַ הויכער, ליכטיקער כאַראַקטער. איך בין טיף שולדיק פּאַר אים. און איך האָב אים גאָר קיין שלעכטס ניט געטאָן — זאָגנדיק אַזוי, וואָלט געווען ניט אמת. ער איז אַ מענטש פון הויכער ווערט, פון אַ גרויסער, גרויסער גלייכקייט און איך — בין אַ פּאַסקודסטווע אין פאַרגלייך מיט אים. דאָס איז מיין שולד."

זי פילט אַזוי, מיר פילן דאָס. אויב עמיצער איז שול-דיק אין איר לעבן-גאַנג, איז עס דער גורל, די מלחמה, וואָס צע-שיידט מענטשן. זי איז אין איר „זינדיקער" ליבע דערהויבן, אָט די לאַראַ.

פאַראַן שטעלן אין „דאָקטער זשיוואַגאָ", וואָס בלייבן אין דיין געמיט אַלציינס ווי שטעלן פון די גרעסטע פּראָזע-ווערק און פון די בעסטע לידער און זיי זינגען אין דיר. די ליטעראַטור אין אונדזער צייט האָט פאַרלוירן די אומיטלבאַרע שפּראַך, דאָס אַרויס-ברענגען די געפילן מיט אַ פולן מויל און מיט אַ זאַפטיקער שפּראַך. ווען לאַראַ גייט אַוועק פון יורין און דער לעצטער ווייסט, אַז ער וועט זי שוין מער ניט זען, ווערט ער אַזוי סענטימענטאַל ווי אַ פּיעראָ אין די אַלטע, גוטע ציטן. ער רעדט צו זיך אַליין, ער רעדט צום הימל, צו דער ערד, צו דעם בעט. ער רופט אַרויס אירע רעמיניסצענצן און איר גאַנץ זיין. ער זאָגט:

„שיינקייט מיינס אומפאַרגעסלעכע! אַזוי לאַנג דיך גע-דענקען די געביינען פון מיינע עלנבויגנס, אַזוי לאַנג דו ביזט נאָך אויף די הענט און די ליפּן ביי מיר, וועל איך זיין מיט דיר. איך וועל אויסוויינען מיינע טרערן ווענן דיר אין עפּעס ווירדיקס, וואָס וועט בלייבן. איך וועל פאַרשרייבן דיין געדע-כעניש אין אַ צאַרטן, צאַרטן, האַרץ־פאַרקלעמענדיקן טרויע-ריקן בילד. איך וועל דאָ בלייבן, ביז איך וועל דאָס ניט אָפּטאָן און דערנאָך וועל איך אַוועקפאָרן. און אָט ווי איך וועל דיך אויסמאָלן: איך וועל אַוועקליי־ן דיינע שטריכן אויף פּאַפּיר, אַזוי ווי נאָך אַ שרעקלעכן שטורעם, וואָס טרייסלט אויף דעם ים ביז זיינע גרונטן, ליגט זיך אויפן זאַמד מיט שטאַרקע שפּורן פון די ווייט־פיעסקענדיקע כוואַליעס."

מען רעדט אַ סך וועגן דעם, וואָס „ד״ר זשיוואַגאָ״ לייענט זיך שווער. פאַראַן אַ היפּש ביסל גוזמא אין דעם. טאָלסטאָי לייענט זיך אויך ניט אַליין, ווי אַ היינטיקער „בעסט סעלער״. מיר ריידן שוין ניט וועגן די ווערק פון טאָמאַס מאַן. די דאָזיקע, וואָס ווילן בלויז מעשה־ביכלעך, וועלן טורגעניעוון אויך ניט קענען לייענען...

„דאָקטער זשיוואַגאָ״ פון באָרים פּאַסטערנאַק איז אַ ווערק, וואָס פאַרשעמט ניט די גרויסע רוסישע פּראָזע-ליטעראַטור פון די אַלטע גוטע צייטן און וואָס ווירקט ווי אַ קלאַסישע סימ-פאָניע אין מאָצאַרטס סטיל אין דער פון „ראָק-ענד-ראָל״ משוגע געוואָרענער צייט. עס איז אַ ווערק, וואָס ווייזט מענטשלעכע מענטשן.

(ס ו ף)

— אינהאַלט: —

☆

פאַרוואָס און ווי אַזוי איז דר. זשיוואַגאָ געוואָרן אַ
סענסאַציע — — — — — — — — — — — — — — 7

וואָס איז פאַראַן קעגן יידישן פאָלק אין ד״ר זשיוואַגאָ — 13

דער אינהאַלט פון „ד״ר זשיוואַגאָ״ בקיצור — — — — — 19

דער אידעיִשער תוך — — — — — — — — — — — — — 33

דער קינסטלערישער ווערט פון „ד״ר זשיוואַגאָ״ — — 39

ביכער פון יעקב באָטאָשאַנסקי

☆

נאָך דער פאָרשטעלונג

(גראָטעסקן און בילדער פון יידישן טעאַטער־לעבן)
173 ז"ז. ב. איירעס, 1926.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

(טראַגי־קאָמעדיע אין 3 אַקטן)
56 ז"ז. ב. איירעס, 1928 (אויספאַר־קויפט).

פון ביידע זייטן ים

(נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער).
126 ז"ז. ב. איירעס, 1929.

בעסאַראַביע

(לעגענדן און דערציילונגען)
126 ז"ז, ב. איירעס, 1929.

משה לייב האַלפּערן

א קליין קרענצל אויפן קבר פון א גרויסן דיכטער)
56 ז"ז. ב. איירעס, 1932 (אויס־פאַרקויפט).

דראַמען:

(ר' בער ליעווער, צווישן רעוואָלו־ציאָנערן, הערשעלע אָסטראָפּאָ־ליער), 186 ז"ז. ב. איירעס 1932.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער

וואַרשע 1932. 277 ז"ז. פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער".

די לעבנס-געשיכטע פון א יידישן זשורנאַליסט

מעמוארן
ערשטער באַנד. 398 ז"ז.
צווייטער באַנד. 404 ז"ז
דריטער באַנד. 444 ז"ז
אויספאַרקויפט.

מיר ווילן לעבן

(ראָמאַן אין 4 טיילן. 522 ז"ז. ב. איירעס, 1942.
אויספאַרקויפט

בראשית פון מדינת ישראל

(רעפּאָרטאַזשן וועגן דער גרינדונג פון מדינת ישראל), 2 בענד. 536 ז"ז, ב. איירעס 1948 אויספאַרקויפט

מאַמע יידיש

(עסייען און לעקציעס) 276 ז"ז. פאַרלאַג „דוד לערמאַן". ב. איירעס 1949.

פ ש ט

(פּירושים אויף יידישע שרייבער). 400 זייטן. ב. איירעס, 1952.
(אויספאַרקויפט).

שבת יום־טוב און וואָך אין מדינת ישראל

(איינדרוקן פון צוויי רייזעס)
400 ז"ז. ב. איירעס, 1958.

יעקב באָטאָשאַנסקי צו זיינע זעכציק יאָר

(אָפּשאַצונגען פון אפרים אויערבאַך, שמואל איזבאַן, ישראל אַשנדאָרף, דוד פּינסקי, לייזער אייכנראַנד, יצחק איסאַקסאָן, שלמה ביקל, הערץ בערגנער, יעקב גלאַטשטיין, י. ל. גרוזמאַן, ברוך האַגער, אברהם זאַק, מ. ווײַנרייך, זרובבל, דניאל טשארני, יצחק יאַנאַסאָוויטש, מרדכי יאַליס, ד"ר צבי כהן, לייבוש לערער א. לעיעלעס, ה. לייוויק, ד"ר א. מוקדוני, נ. ב. מינקאָוו, ש. ניגער, ג. סאַפּאָזשניקאָוו, א. סוצקעווער, שלמה סוסקאָוויטש, ל. סיגאַל, שלמה סיימאָן, יעקב פּאַט, ל. פּיינ־בערג, משה קנאַפּהייס, א. א. ראָבאַק, מלך ראַוויטש, ראובן רובין, משה שטאַרקמאַן, מרדכי שטריגלער און אַן אויטאָפּאָרטרעט פון יובי־ליאַר).

96 ז"ז. אַרויסגעגעבן פון א יובילייקאָמיטעט. ב. איירעס, 1955.

Impreso en Artes Gráficas
N. GOLDFARB e HIJOS,
Pasteur 786, Buenos Aires,
República Argentina, en el
mes de Julio de 1959.